STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08415

GEZAMLTE SHRIFTN

Y. L. Malamut

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צווייטער בוך

קינדער-יאָרן

סניטקיוו, מיין שטעטל

Copyright 1933

By VERLAG MALAMUT
101 West 56th Street
New York, N. Y.

18
Jersey Printing Company
Bayonne, N. J.

אינהאלט

סניטקיוו, מיין שטעטל — — — — — — — — 7
מאיר הירש, מיין דרדקי מלמד — — — — — — 11
דער קאנטשיק — — — — — — — — — — — — 14
קלמן גזלן — — — — — — — — — — — — — 23
אלטער ישעיה׳ס — — — — — — — — — — — 27
חומש — — — — — — — — — — — — — — — 32
ברוך פייוול׳ם — — — — — — — — — — — 36
ברוך פייוול׳ם מעשיות — — — — — — — — 38
דאס צויבער שטעקעלע — — — — — — — — 48
צוויי ברידער — — — — — — — — — — — — 53
מיין טייבעלע — — — — — — — — — — — — 64
פאר פסח — — — — — — — — — — — — — 69
מצות — — — — — — — — — — — — — — 75
דוד הירש תקיף — — — — — — — — — — — 81
טייבעלאך — — — — — — — — — — — — — 91

דריטער בוך—רעציטאציעס

פרימארגן פאר א יאריד — — — — — — — — 103
איציק זיסיע — — — — — — — — — — — — 117
ערב שבת — — — — — — — — — — — — — — 122
שקצים זאל זיין שטיל, מ׳ליינט אין דער תורה — 127
קרום געבוירן — — — — — — — — — — — — 134
עפל־צוויט — — — — — — — — — — — — — 139
אין די בערג פון קאלאראדא — — — — — — — 142
קאפריז — — — — — — — — — — — — — — 149
טייבעלאך — — — — — — — — — — — — — 153

י. ל. מאלאמוט

געזאמלטע שריפטן

(יובילײ־אויסגאַבע)

ערשטע אויפלאַגע
צווייטע אויפלאַגע
דריטע אויפלאַגע

פאַרלאַג מאַלאַמוט
ניואָרק, 1933

סניטקיוו, מײַן שטעטל

א

סניטקיוו, מײַן שטעטל,
די גרויס ווי אַ גענייץ,
ניטאָ אַף דער מאַפּע
אפילו אַ פּענייץ,
דאָך איז עס אַ כרך,
לויטער מיט מעלות,
עס פֿײַפֿט דאָרט דער ווינט,
עס זינגט דאָרט דער דלות,
אין הײַזער, אַף דעכער
פֿון טשערעפּ און שטרוי,
הײַזער אין שכנות
פֿון איד און פֿון גוי.
און שויבן אום ווינטער
וואָס זענען צעבראָכן,
פֿאַרשטעקט מען מיט שמאַטעס
די שפּאַלטן, די לעכער.
דערפֿאַר אָבער, שבת,
מאַכט מען דאָרט קידוש,
אַף ראָזשינקע-ווײַן
פֿון זילבערנעם בעכער.
שבת איז יעדערער
דאָרט אַ בעל תּפֿלה,
און לייענט אײַך די סדרה
מיט טראָפּ ווי מגלה.
אַ אינגל ווי איך
געוואָרן בר מצווה,
וואָס איז דאָ צו קלערן,
עס וואַרט שוין אַף מיר
אַ חדר, אַ קנעלונג.

טאַקע אין דערפאַר
קנעלן מיט קינדער אָן אַ שיעור,
אַ גאַנצן זמן פאַר קערבלעך פיר.
דאָס איז סניטקיוו, מיין מדינה,
דאָרטן בין איך עס געבוירן,
צוריק מיט פיר און פערציק יאָרן,
נעכטן און טעג באַ דער גמרא,
באַ אַ שטיקל ליכט פון חלב,
אין בית המדרש דעם אַלטן,
אין דעם פינצטערן, דעם קאַלטן,
ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן,
האָב איך איצט אין דעם דערמאָנט זיך,
און איך קען עס ניט פאַרגעסן.

* * *

טרעפט מיר אָפט איך ווער פאַרלוירן,
אין דעם קאָך און רויש און טומל
צווישן הייזער-הימל-קראַצער,
וואָס שטייגן ווייט אַריבער „בבל“,
און איך זוך פאַר זיך אַ טרייסט,
אַז איך זאָל ווערן אויסגעלייזט,
שווימט מיר אויף אין מיין זכרון
אַ בילד פון מיינע קינדער-יאָרן.
ווערט מיין זענזוכט
שאַרף און קלאָר,
איך זע חלומות
אָפן וואָר,
ווערט מיר סניטקיוו
ליב און טייער,
און עס שליסן זיך די אויגן,
ברענט אַ בענקשאַפט,
ווי אַ פייער,
איך וואָלט צוריק אַוועקגעפלויגן!
ווער מיר עלטער,
וואָס מיר יאָרן?
וואָס איז לעבן

מיט אַ סדר?
ס׳איז מיר דרייצן
ערשט געוואָרן,
כ׳בין ערשט היינט
אַרויס פון חדר!

פאַרגעס איך זיך
אין היינט און מאָרגן,
און געדענק נאָר דעם — אַמאָל,
ווער איך פריי
פון אַלע זאָרגן,
און זע בילדער אָן אַ צאָל.
לויפט דער שמש איבער סניטקיוו,
ערב שבת בין השמשות,
און ער רופט: אין שול אַריין,
און דער טאַטע,
נאָכן מרחץ,
איז זיך עוסק
מיטן ווייַן.
און עס שליסן זיך
די קלייטן,
לכבוד שבת שאַ און שטיל,
און די מאַמע
צינט די בענטש־ליכט,
אירע פרומע ליפּן קושן,
בענטשן, גלעטן מיין געזיכט,
מיט אַ ציטערלעך געפיל.

אויסגעגאָסן ווי אַ חלום,
שוועבט דער שבת איבער סניטקיוו,
שטיל און רואיק, שבת־פרידן,
קידוש, זמירות זינגען אידן,
אַזוי פירט מען זיך אין סניטקיוו,
דאָרט וועט אייביק אַזוי בלייבן.

* * *

נאָר איך בין ווייט און פרעמד פון דאָרטן,
אַ שומר אין אַ פרעמדן גאָרטן,
אַזוי וועל איך שוין איבער וועלטן,
ווייטע, קאַלטע, אייביק וואַגלען,
נע ונד וועל איך שוין בלייבן.

* * *

ניט מיט שיפן ניט מיט באַנען,
אפילו ניט מיט עראָפּלאַנען,
קען איך מיינע קינדער־יאָרן
וואָס שוועבן איצט אין מיין זכרון,
ניט דערגרייכן, ניט דעריאָגן,
וויל איך כאָטש מיט פאַרבן בלייכע,
ווערטער האַלבע, ניט דערזאָגטע,
אויסזינגען מיין גלות־לעבן,
וואָס מיך פון סניטקיוו האָט פאַרטריבן,
פון מיין שטעטל, פון דעם ליבן,
וואָס אין זכרון איז פאַרבליבן,
שטילער אָפּגלאַנץ פון מיין יוגנט,
פול מיט גלויבן און מיט פייער,
ביסטו אַלץ באַ מיר נאָך הייליק,
סניטקיוו, ליבע, ביסט מיר טייער.
גיי איך איצטער, אַף דער עלטער,
מיש אויף סניטקיוו, אין זכרון,
שוועבן ווידער פאַר מיר בילדער
פון די פריעסטע קינדער־יאָרן,
זוך איך ניט קיין שיינע ווערטער
צו באַפּוצן מיינע רייד,
נאָר איך גיי צוריק אין חדר,
פונקט אַזוי ווי קליינערהייט.

מאיר הירש, מיין דרדקי מלמד

— ב —

איך אַליין וואָלט זיך ניט געוועזן שטאַרק געשראָקן פאַר מיין ערשטן מלמד ווען ניט דאָס, וואָס אַלעמאָל אַז איך האָב עפּעס אָפּגעטאָן אין שטוב, וואָס די מאַמע האָט ניט געוואָלט ליידן, האָב איך געהערט ווי זי הויבט אָן צו טענהן צו זיך אַליין:

— גאָט זאָל מיר העלפן אַז ער זאָל שוין אָנהויבן גיין אין חדר, וועלן מיר אויפגעבונדן ווערן מיינע הענט. אַז עס איז שוין פון אים ניט איבערצוטראָגן, ניט אויסצוהאַלטן...

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן הערן רעדן דער מאַמען פון מיין חדר, איידער איך האָב עס אַליין דערזען מיט מיינע אויגן. אין אַ שיינעם ראש חודש חשון, אין אַ זונטיק אין דער פרי, ווען צו אונז אין שטוב אַריין איז אַריינגעקומען אברהם דער באַהעלפער, אַ בחור אַ לאַפּאַק, אַ גרויסער, אַ הויכער, אַ גראָבער, אָנגעפּעלצט אין אַ גרויער בורקע פון אַ דיקן געוואַנט, און פאַרגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַס, און אַז איך האָב אַ קוק געטאָן דאָס ערשטע מאָל אויף אברהמ׳ען, איז מיר קאַלט געוואָרן אין יעדן אבר.

באַקן האָט אברהם געהאַט פאַרבלאָזענע ווי די פּאַמפּושקעס, און אַ נאָז אַ גראָבע וואָס אַז ער האָט גערעדט, האָט די נאָז צוגע־פּייפט ווי אַ טרובאַטש, די אויגן זענען ביי אברהמ׳ען געווען פאַרגאָסן מיט שמאַלץ, און תמיד איז ער געווען פאַרשוויצט, מחמת די קליינע קינדער צו דעם דרדקי מלמד האָט אברהם ניט געפירט, נאָר געטראָגן אויף די פּלייצעס, דריי־פיר מיטאַמאָל, און צוזאַמענגענומען האָט אברהם זיי פון די הייזער, אָט פּינקט ווי אַ פּאַסטוך וואָלט צונויפגענומען קליינע שעפּעלעך.

האָט מיך די מאַמע אין דעם דאָזיקן זונטיק אין דער פרי פּלוצלינג גענומען וועקן פון געלעגער, און ניט אויפגעהערט מיר צו געבן צו פאַרשטיין:

— שטיי אויף, גרויסער בחור, מען דארף גיין אין חדר.

איך ליג אונטער דער ווארעמער קאָלדרע, קוק אַרויס דורכן פענצטער מיט איין אויג, און איך זע, אַז אין דרויסן גיסט אַן אַסיענדיקער רעגנדל, און די טראָפּנס קייקלען זיך איבער די גלעזערנע טאָפּליעס פון די פענצטער, פּונקט ווי זיי וואָלטן וויינען אָף מיין מזל, וואָס איך דאַרף אָנהויבן גיין אין חדר, פּונקט היינט, נאָך שבת בראשית. נעכטן האָט מען ערשט אַזוי געהוליעט און געטאַנצט פּונקט ווי שמחת תורה. און מיטאַמאָל, איבערנאַכט, בין איך עס באַ דער מאַמען מיטן־דערינען געוואָרן אַ גרויסער בחור, און דאַרף שוין אויפשטיין און גיין אין חדר.

פון געלעגער האָב איך זיך אויפגעהויבן מיט אַ כליפּען, געוואַשן און געזאָגט „מודה אני" האָב איך שוין מיט אַ געוויינדעלע, און אַז עס איז געקומען צום עסן דעם איבערבייסן, האָבן זיך שוין פון מיינע אויגן געגאָסן צוויי קוואַלן טרערן אָף מיין ביטער, אידיש מזל, און בין פאַר צרות ברוגז געוואָרן אָף דעם בייגל מיט פּוטער, ניט געוואָלט עסן, און האָב זיך אָנגעהויבן וואַלגערן אָף דער ערד מיט קולות:

— איך וויל ניט גיין אין חדר! איך וויל ניט גיין אין חדר!!!"

די מאַמע האָט זיך אָבער פון מיין וויינען ווינציק גענומען צום האַרצן, און האָט זיך גאָר געמאַכט פון דעם עסק אַ שפּאַס.

— דו וועסט ניט גיין, אַוודאי וועסטו ניט גיין, אברהם, דער באַהעלפער, וועט דיך טראָגן אָף די פּלייצעס, נאָר הער אויף וויינען, ווייל אינגלאַך וועלן לאַכן פון דיר, דו גרויסער בחור."

אַז אינגלאַך לאַכן, שעם איך זיך צו וויינען, אַזאַ טבע איז שוין באַ מיר נאָך פון קליינערהייט אָן. האָב איך שטילערהייט זיך אַליין אויפגעהויבן פון דער ערד, האָב כליפּנדיק זיך איבער־געבעטן מיט דעם בייגל מיט פּוטער, און האָב געגעסן בייגל מיט פּוטער מיט פאַרשטיקטע טרערן, וואָס האָבן מיר געבריט אין האַלז. נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט, האָט זיך באַוויזן אברהם דער באַהעלפער, און געטראָגן האָט ער אָף זיך נאָך צוויי אינגלאַך, און אריינגעקומען איז ער מיט אַ פייף פון דער נאָז, און אויסגעזונגען: „אַ גוטן מאָרגן!" אַז פון זיין קול האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אָט פאַל איך פון די פיס פאַר שרעק.

— נו, פאַרטיק דער תלמיד? — האָט אברהם אַוועקגע־שטעלט די אינגלאַך אַף אַ באַנק, און זיך גענומען צו מיר. איך בין געשטאַנען, געציטערט פון פחד, ניט געקענט אַ ריר טאָן מיט קיין אבר. די מאַמע האָט מיר צוגעטראָגן אַ וואַטאָווע לייבל, מיך איינגעוויקלט, דערנאָך האָט אברהם אַרויפגעוואָרפן אַף מיר עפּעס אַן אַלטן טלית, אַ כאַפּ געטאָן מיך אַף די פּלייצעס, צוזאַמען מיט די אַנדערע קינדער. די מאַמע האָט מיך געקושט, מיט נאַסע באַקן, אָבער כאָטש די אויגן האָבן באַ איר געוויינט, האָט זי זיך געפרייט, און עפנענדיג פאַר אברהמ׳ען די טיר, האָט זי געמורמלט:

— מיטן רעכטן פוס. אין אַ מזל׳דיקער שעה. זאָלסט מיר אויסוואַקסן אַ אידיש קינד, אַ גרויסער למדן, — און די טיר פון שטוב האָט זיך צוגעמאַכט.

דער רעגן האָט ניט אויפגעהערט צו גיסן, און מיינע אויגן האָבן ניט אויפגעהערט צו וויינען, ביז אברהם האָט זיך מיט אונז ניט פאַרשלעפּט אין חדר אַריין, צו מאיר הירש, דעם דרדקי מלמד.

דער קאַנטשיק

ג

אַז אַ מלמד שלאָגט די קינדער, האָב איך געהערט פון מיינע עלטערע ברידער. טאָמער האָב איך עפּעס אָפּגעטאָן אַ שטיקל אין הויז אָדער אין גאַס, האָב איך רק געהערט איין סטראַשונאַק:

— „אין חדר וועט מען אים שוין אַריינגעמען אין די הענט אַריין. מאיר הירש מיטן קאַנטשיק וועט אים שוין מאַכן פאַר אַ לייט. נו, וועט ער דאָס אים אַריינצימבלען, אַזש עס וועט גיין אַ רויך.“

אַט אַזעלכע רייד האָב איך שוין ניט איינמאָל געהערט גאַנץ יום טוב, ווען איך האָב זיך פאַרשפּעטיקט אין גאַס, זיך פאַרשטיפּט מיט די קינדער, און ניט געקומען אין שול אַריין אָדער אין שטוב אַריין צו דער צייט.

האָב איך מיר פאַרגעשטעלט, אַז מאיר הירש מוז זיין גרויס. נאָך גרעסער פון אברהם דעם באַהעלפער. און אַז ער גיט נאָר איין קוק אַף אַ אינגל איז אַ מורא. דאָ האָב איך אין חדר דערזען אַ קליין, דאַר, מאָגער אידעלע, וואָס האָט קוים דערגרייכט ביזן טיש, וואו די אינגלעך זענען געזעסן אויסגעזעצן אין אַ שורה, ווער מיט אַן עפּל, ווער מיט אַ בייגל אין האַנט, און מאיר הירש, מיט די קליינע אויגעלעך, זייער קלוגע, מיט אַ שפּיץ בערדעלע, אַ שוואַרצס, אין אַ קליין יאַרמולקעלע, מיט אַ דין קאַנטשיקל אין האַנט, איז אומגעגאַנגען צווישן די אינגלעך, געקוקט אַף זיי, טאַקע ווי אַ פּאַסטוך וואָס ציילט איבער זיינע שעפעלעך, און אַז אברהם איז אַריין מיט די אינגלעך און איך צווישן זיי, האָט זיך דאָס קליינע אידעלע אָנגערופן:

— דניאלס אינגל געבראַכט?

דניאל איז מיין טאַטע. ניטאָ אין סניטקיוו נאָך אַ נאָמען דניאל. זינט איך לעב קען איך ניט פאַרשטיין פאַרוואָס באַ אונז זענען געווען אַזוי פיל אידן: ישראל, חיים, אפילו קלמנס זענען געווען מער ווי איינער אין סניטקיוו, נאָר דניאלס, טאַקע

נאָר ווי עפּעס אַף צו להכעיס איז מער ניט געווען באַ אונז ווי איינער, און דער איינער איז געווען מיין טאַטע.

— יאָ, רב מאיר הירש, — האָט אברהם אויסגעפּאַנפעט, און זיך גענומען ווישן דעם שווייס און צעקנעפּלען די בורקע, אַנווייזנ־דיק אַף מיר.

האָב איך שטילערהייט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער גאַנצער מאיר הירש, מיין דרדקי מלמד, האָב איך זיך מחיה געווען, וואָס ער איז כאָטש ניט אַזאַ ריז, נאָר גאָר אַ קליין אידעלע.

נאָר אַז מאיר הירש איז צוגעקומען צו מיר, אַנגענומען מיין שפּיץ באַק מיט זיינע צוויי דינע פינגערלעך מיט דער רעכטער האַנט, און מיר געוויזן, אַז דאָס איז אַ קאַנטשיק, איז אין מיר אָפּגעשטאָרבן דער מאַמעס מילך, און איך האָב זיך ווידער צעוויינט.

— וואָס זשע וויינסטו, דו נאַריש קעלבל, איך האָב דאָך דיך נאָך ניט געשלאָגן, — האָט מאיר הירש זיך צעלאַכט, און אין איין וועגס דערלאַנגט מיטן קאַנטשיק אַנאַנדער אינגל, וואָס איז געזעסן אַף דער באַנק, און געכאַפּט פליגן, זיי אָפּגעריסן די פליגעלעך, און געלאָזט שפּאַצירן איבערן טיש.

— נאַדיר פליגן! אַט האָסטו פליגן! — האָט מאיר גע־שמיסן דאָס אינגל איבער דער פלייצע, און דאָס אינגל האָט אונטערגעשפּרונגען, זיך פאַרקרומט, אָבער ניט געוויינט.

איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי כאַפּט עס אַ אינגל שמיץ מיט אַ קאַנטשיק און וויינט גאַרניט. דערווייל איז מיר געוואָרן בעסער דערפון, וואָס ער, און ניט איך, כאַפּט די שמיץ. און איך האָב אויפגעהערט צו וויינען.

דאָס חדר איז געווען אַ לאַנג, שמאָל צימער, מיט אַ לאַנגן, שמאָלן טיש אַרום דער וואַנט, און מיט צוויי לאַנגע נאָך שמעלערע בענק פוןביידע זייטן אַרום דעם טיש. אין אַ ווינקל פון דעם חדר האָט אַרויסגעקוקט דער אויוון, וואו די רביצן, סימע לאה, איז געשטאַנען און געהייצט מיט אַן אָקאָלאָט שטרוי, און דער פלאַם פון דעם שטרוי, האָט אַרויסגעזעצט פון אויוון, און זיך צעטראָגן ביסלעכווייז איבערן חדר.

מאיר הירש האָט אַנגעהויבן צו הוסטן, און הוסטנדיק האָט ער ניט אויפגעהערט צו האָבן טענות צו סימע לאה'ן:

— אָבער פּונקט ווען אין דרויסן איז אַ רעגן מיט אַ ווינט קומט איר אויס צו הייצן מיט שטרוי, דער רויך זאָל אַריינבלאָזן אין חדר אַריין, אַז מען זאָל זאַדושעט ווערן."

סימע לאה איז אָבער ניט געבליבן הינטערשטעליק, און גלייך ווי מאיר הירש האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס, האָט סימע לאה אָפּגעענטפערט מיט אַ שטאָך:

— נו, גיב האַלץ, וועל איך פאַרשפּאָרן צו הייצן מיט שטרוי!

אַזוי לאַנג ווי מאיר הירש האָט זיך דורכגערעט מיט סימע לאה'ן איז מיר געווען גוט. איינגלעך וואָס זענען שוין געגאַנגען אין חדר פון פריער, האָבן זיך צו מיר צוגערוקט, איינער האָט מיר פאַרטרויעט אַ סוד:

— ניטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַז מען קען לערנען, און מען זיצט שטיל שלאָגט ער נים.

נאָר פאָלג מיך אַ גאַנג. קענען לערנען און זיצן שטיל! זינט איך לעב האָב איך ניט געוואָלט, קליינערהייט, קענען לערנען און האָב ניט געקענט זיצן שטיל. כאָטש האַקט און בראָקט מיך קען איך נאָך עד היום ניט איינזיצן שטיל, אויף איין אָרט. עס יאָגט מיך, עס טראָגט מיך, אין דרויסן אַרויס, אין דער וועלט אַריין. פון קליינערהייט אַזוי נאָך.

דערווייל האָט מאיר הירש זיך אַ זעץ געטאָן אויבנאָן מיט אַ כעס. אין כעס איז ער געווען אויף דער ווייב, אויף סימע לאה'ן נאָר אויסגעלאָזן האָט ער דעם כעס צו די קינדער.

פריער האָט ער זיך גענומען צו קינדער, וואָס האָבן שוין געקענט דעם אלף בית. און ער האָט געפירט מיטן טייטל, גע־טענה'ט מיט אַ ניגון:

— אָט דאָס וואָס איז! אָט אַזוי. און אָט דאָס מיט אַן אָפּגעהאַקט פּיסעלע, און דאָס מיט דריי קעפּעלעך? אַ שין! אָט אַזוי! געדענק זשע, דו גויעצל!

פאַרוואָס דער אינגל איז אַ גויעצל האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין. און געטראַכט האָב איך: דערווייל איז מיר גוט. מיך טשעפּעט ער נאָך ניט. מיך רופט ער נאָך ניט מיט קיין נעמען. איך בין נאָך ניט קיין גויעצל. וואָס וועט זיין, אַז ער וועט מיך רופן צום סידור, און וועט מיך רופן גויעצל, און מיך שמייסן מיטן קאַנטשיק?

זעכצן

נאָך איידער איך האָב זיך אַרומגעקוקט האָט מיך מאיר הירש אַ רוף געטאָן, דורך אַ וואונק פון זיינע שאַרפע אויגעלעך, האָב איך זיך שטילערהייט צוגעשאַרט, און דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס.

מאיר הירש האָט עס געזען, און ער האָט געשמייכלט:

— וואָס זשע האָסטו מורא, דו גרויסער בחור? האָסט מורא פאַרן קאַנטשיק. נו, אָט לייג איך אַוועק דעם קאַנטשיק! הער זשע אויף צו וויינען. וואָס האָסטו זיך צעוויינט? אפשר ווייסטו וואָס ער וויינט? — האָט מאיר הירש ניט אויפגעהערט צו רעדן צו זיך אַליין.

דערנאָך האָט ער מיר געעפנט אַ בלעטל מיט גרויסע אותיות, און מיר אָנגעהויבן ווייזן דעם „אלף בית". ביז איך אים אָבער פאַרלאָפן דעם וועג, ווייל דעם „אלף בית" האָט מיך מיין ברודער איציק, וואָס לערנט שוין אַליין אין בית המדרש, אויסגעלערנט נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבן צו גיין אין חדר. האָט מאיר הירש זיך ניט געקענט אָפּ׳חידושן, ווי אַ אינגל האָט עס דיר אַן אייזערנעם קאָפּ, און קען שוין דעם גאַנצן אלף בית, דעם ערשטן טאָג אין חדר!

איידער מאיר הירש האָט מיך אָפּגעלאָזן פון סידור איז מיר אַרונטערגעפאַלן אַ צוקערקע אַפן סידור, איבער מיין קאָפּ, און מאיר הירש האָט מיט אַן ערנסטער מינע מיר איינגעשמועסט, אַז:

— דאָס האָט דער מלאך אַרונטערגעוואָרפן, פאַר זיין אַ וואויל אינגל, און קענען אַזוי גוט לערנען! — און ער האָט מיך אָפּגעלאָזן פון סידור.

אַלע אינגלעך האָבן געקוקט אַף מיר מיט גרויסע געעפנטע אויגן, און וויפיל אינגלעך עס זענען געוועזן אין חדר, האָט יעדער איינער אויסגעשטרעקט אַ הענטל און געבעטן בא מיר:

— גיב מיר אַ לעק, נאָר איין לעק!

ביז די צוקערקע איז אָנגעקומען צוריק צו מיר, איז שוין פון איר גאָרניט איבערגעבליבן. דערפאַר האָב איך שוין געהאַט אַזוי פיל חברים אין חדר, און באַלד האָט זיך ווידער באַוויזן אברהם דער באַהעלפער, האָט מיך אָנגעטאָן, און איינעם מיט נאָך דריי קינדער אַ כאַפּ געטאָן אַף די פּלייצעס, האָט ער אונז אַ זאָג געטאָן:

— איצט זענט איר פריי, ביז מאָרגן...

זיבצן

אין דער היים, קומענדיק פון חדר, בין איך געוואָרן מיטאַמאָל א גרויסער יחסן. אברהם האָט דערציילט דער מאַמען, אַז איך האָב געקענט דעם אלף בית, און אַז מאיר הירש האָט זיך ניט געקענט אָפּ׳חידושן פון מיין אייזערנעם קאָפּ, און אַז דער מלאך האָט מיר אַרונטערגעוואָרפן אַ צוקערקע פאַר זיין אַ וואויל אינגל.

די מאַמע איז געווען אויסער זיך פון נחת, און האָט מיך צוגעפּילנעוועט מיטן עסן און מיטן טרינקען, און איך אַליין בין געווען מלא גדולה, און ווער עס איז אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב אַריין, בין איך אַלעמען געלאָפן אַנטקעגן און אָנגעזאָגט די בשורה:

— איך גיי שוין אין חדר. איך בין ערשט געקומען פון חדר, און איך קען שוין דעם גאַנצן אלף בית... איך בין שוין אַ גרויסער.

אָבער אין עטלעכע טעג בין איך בא מאיר הירשן געוואָרן אויס יחסן. אַזוי גיך ווי מאיר הירש האָט געזען, אַז איך נעם איבער אַ זאַך זייער גיך, האָט ער מיך אָנגעהויבן צו שטאָפּן. אַף דער צווייטער וואָך האָט ער מיר אָנגעהויבן ווייזן פּאַסיקלעך מיט פּינטעלעך (נקודות), און אַזוי גיך ווי איך האָב אויסגעלערנט איין זאַך, האָט ער מיר אונטערגעטראָגן אַ פרישע זאַך, און איידער דער ווינטער איז אַריבער, האָב איך שוין געצויגן גאַנצע ווערטער, און טאָמער האָב איך ניט געכאַפּט מיטן קאַנטשיק פאַר ניט קענען לערנען, האָב איך אָבער געכאַפּט אַ סך מער קאַנטשיקעס פאַר ניט וועלן לערנען. און וועלן האָב איך קיינמאָל ניט געוואָלט. וואָרום ווי אַזוי האָב איך געקענט וועלן לערנען, אַז דער קאָפּ איז מיר געווען בא די קנעפּלעך, און בא די פייגעלעך פון פּאַפּיר.

פון אַ שטיקל פּאַפּיר האָט מיך איציקל יאָסל וואָוועס אויס־געלערנט מאַכן קונציקע פייגעלעך, מיט פיסעלעך און אין מיטן אַן עקעלע, און דאָס פייגעלע אַז מען מאַכט עס נאָר ריכטיק, קען מען עס אַוועקשטעלן און עס שטייט און קוקט טאַקע נאָר ווי אַ לעבעדיקס.

און די שפּיל אין קנעפּלעך איז גאָר אַ שיינע שפּיל. דאָס האָט מיך אויך אויסגעלערנט איציקל. איר דאַרפט אים קענען, איציקלען. זיין טאַטע, יאָסל וואָוועס איז אַ וואַלד־סוחר, און איציקל איז בא אים אַ בן יחיד׳ל, אַ ציטערדיקס, אַ קליינס, אַ גרינס, טאַקע נאָר ווי אַן אַגרעסל. אַז איציקל קומט אין חדר

אַבצן

ברענגט ער אזוי פיל זאכן, בייגל מיט פוטער, און א שטיק לעקאך, און נים, און צוקערקעס. און אז אברהם דער באהעלפער שטעלט אוועק איציקל'ס קוישל לעבן אים, איז דאס קוישל גרעסער פון דעם גאנצן איציקל.

איציקל זיצט די גאנצע צייט אין חדר, און אלע ווײַלע עסט ער עפעס אנדערש. ער עסט און רייצט זיך מיט די אלע אינגלעך:

— הע, זעסט, איך האב עפל!"

בעט א אינגל: — איציקל, גיב מיר א בים פון דיין עפל — האט איציקל איין ענטפער: — א פייג וועל איך דיר געבן, ניט קיין בים עפל."

— איציקל גיב מיר א שטיקל לעקאך."

— א פייג וועל איך דיר געבן, ניט קיין לעקאך!"

דודל, מרדכי שוחט'ס, א אינגל, א ברען, מיט צוויי גרויסע, ליכטיקע אויגן, וואס לאכן כסדר, דודל, גיט אלע אינגלעך צונעמע־נישן, און אז ער גיט א אינגל אין חדר א צונעמעניש, בלייבט שוין דאס אינגל מיט דעם צונעמעניש אפן גאנצן לעבן. א אינגל, וואס האט מורא פאר א קאץ, אדער פאר א הונט, הייסט בא דודלען א „צעקראכענע לעמישקע". נאך א אינגל, וועמענס טאטע איז אן עני ואביון, הייסט בא דודלען „טיכאטשאוו". טיכאטשאוו איז געווען דער סניטקיווער פאמיעשטשיק, און נאטעס טאטע איז אומגעגאנגען איבער די הייזער, האט זלמן, נאטעס, באקומען פון דודלען דעם נאמען זלמן־נאטע־טיכאטשאווס. איציקלען האט דודל א נאמען געגעבן „דער באקסער".

— ער עסט און עס עסט אים", ווייצלט זיך דודל, און לייגט צו: „אנאנדער אינגל, ווען ער האט אזוי פיל זאכן, וואלט אליין געגעסן און געווארן געזונט און פעט. ער, איציקל, גיט קיינעם ניט, איז קארג ווי א הונט, און דאר ווי א באקסער. אנאנדער אינגל, האסט אזוי פיל זאכן, גיב די אינגלעך אויך!" רעט דודל ווייטער, און מיינט ניט אזוי אלע אנדערע אינגלעך, ווי זיך אליין, נאר איציקל, ווי קליין ער איז, איז ער אבער ניט קיין נאר. האט ער זיך ליב צו רייצן מיט דודלען, איז דודלען אפ צו להכעיס, איז איציקל חבר מיט מיר.

— נאדיר אן עפל!" שטופט ער מיר פלוצלינג אונטער א רויטן עפל, וואס שמעקט, אז עס איז א מחיה. זינט איך לעב האב איך נאך אזעלכע שמעקעדיקע עפל ניט געגעסן, ווייל מיין

מאמע, אז זי קויפט עפּעלעך, קויפט זי קליינע, אז זי זאָל קענען אַלעמען אין שטוב איינטיילן. צאָלט זי אַ גראָשן אַן עפּעלע. נאָר איציקלס מאמע, איז רייך, און זי צאָלט אַ זעקסער אַן עפּל, אַזוי באַרימט זיך פאַר מיר איציקל, און לייגט צו: „דאָס גיב איך דיר, דודלען אַף צו להכעיס".

— מאַכט שהחינו!" ווייַלט זיך דודל, „דער באַקסער האָט זיך צעקוועלט!"

— ניסלאַך האָסטו ליב?" רופט זיך אָפּ איצקל צו מיר, אַ מינוט שפּעטער, „נאַדיר זעקס ניסלאַך, און זאָל דודל וויסן, ווי צו רייצן זיך מיט מיר!"

דער אייגענער איציקל שמועסט מען, איז אַ היפּש ביסל עלטער פאַר אַנדערע אינגלאַך וואָס גייען צו מאיר הירשן. נאָר איציקל האָט אַ גוי'אישן קאָפּ, און קען נאָך אפילו ניט דעם אלף בית. נאָר מען טאָר אים ניט שלאָגן. זיין טאַטע צאָלט פאַר אים אפשר צען קערבלאַך אַ זמן שכר לימוד.

נאָכדעם ווי מאיר הירש לערנט מיט מיר אָפּ, זעצט ער לעבן מיר אַוועק איציקן און זאָגט מיר:

— ווייַז אים דעם אלף בית, דו קענסט דאָך שוין עברי".

קוקן אַלע אינגלאַך אַף מיר מיט קנאה, און איציקל ווערט נאָך בעסער צו מיר. איך ווייַז אים דעם אלף בית, און ער שטופּט מיר אונטער אַ צוקערקע, אַ שטיקל בייגל מיט פּוטער, אָדער אַ פּאַפּירן פייגעלע, אַ פּאָר קנעפּלאַך, און אַז איך האָב פולע קעשענעס מיט קנעפּלאַך און מיט פּאַפּירענע פייגעלאַך, הייַנט ווי קען מיר שוין זיין דער קאָפּ באַם לערנען? דערזעט מאיר הירש אַז איך ווייַז איציקן דעם אלף בית און שפּיל זיך אין איינוועגס מיט אַ פייגעלע, פאַלט ער אַף מיר אַן ווי פון דער העלער הויט מיטן קאַנטשיק איבער די הענט, איבער דער פּלייצע, איבערן פּנים, אַז איך ווער צע'נהרג'ט. אָבער איך וויין ניט. איך פאַרבייס די ליפּן, שעם זיך צו וויינען, און מאיר הירש הערט ניט אויף צו היצן זיך:

— אַזאַ גרויסער בחור פון פינף יאָר, אַ אינגל מיט אַזאַ אייזערנעם זכרון זאָל דיר אַריינלייגן די גאַנצע שמד־שטיק נאָר אין שפּילעכצער, אין פייגעלאַך. נאַדיר פייגעלאַך. אָט האָסטו פייגעלאַך!"

צוואַנציק

האָב איך אָראָפּגעשלונגען די קאַנטשיקעס אָבער די פּייגעלאַך האָב איך ניט אַוועקגעוואָרפן.

דערפאַר וואָס איך האָב אַזוי ליב פּייגעלאַך, האָט מיר דודל אַ נאָמען געגעבן „בלייענער פויגל״. אָבער איך האָב זיך מיט אים אָפּגערעכנט. זיין טאַטע איז אַ שוחט, און קוילעט אַלע קעלבלאַך פאַר די קצבים, און ווען ער שעכט אַ קעלבל נעמט ער זיך אַהיים די קישקעלאַך. עסט דודל אַלע מאָל געפילטע קישקעלאַך מיט ברויט. האָב אים דודלען אַ נאָמען געגעבן „גראָבע קישקע״. איז עס די אינגלאַך געפעלן געוואָרן און אין חדר איז שוין דודל פאַרבליבן „גראָבע קישקע״. נאָר איינמאָל, ווען מאיר הירש האָט געלערנט מיט אַ אינגל, וואָס האָט געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, האָבן מיר זיך צעקריגט. דודל האָט מיר געשריען „בלייענער פויגל״ און איך אים צוריק „גראָבע קישקע״. האָט עס מאיר הירש דערהערט, איז ער שטילערהייט צוגעלאָפן און האָט אונזביידע מכבד געווען, מיך מיט דודלען:

— נאַדיר „גראָבע קישקע״, און אַט האָסטו דיר „בלייערנער פויגל״— און דער קאַנטשיק איז געפלויגן און געשמיסן פריער מיך. דערנאָך דודלען, ווידער מיך און נאָכאַמאָל דודלען. זינט דעמאָלט טאָר מען ניט, אַז מאיר הירש איז דאָ אין חדר, רופן קיין צונעמענישן. דערפאַר אָבער, אַז מאיר הירש גייט אַרויס, הערט מען מער ניט ווי נאָר „גרינער אַגרעס״, „באָקסער״, „גראָבע קישקע״, בלייענער פויגל״, „טיכאַטשאַוו״, „שטרויענער האָז״, „לאַנגער גאָרגל״, „קאַרליק״! יעדעס אינגל האָט אַ צונאָמען, און אַז מאיר הירש גייט אַרויס, פליען די קולות, אַז מען קען טויב ווערן.

— דער רבי גייט! אַט קומט ער אַריין!״ איז געגוג, אַז סימע לאה זאָל אַ זאָג טאָן, ווערן אַלע דערציטערט, און האַלטן איין דעם אָטעם אין זיך!

אָבער מאיר הירש, אפילו ווען ער איז ניטאָ, ווייסט אויך ווער עס טומלט, און עס איז גענוג, אַז ער זאָל אַף מיר אַ קוק טאָן, דערקענט ער, אַז אַ מינוט פריער האָב איך געטומלט, קומט ער צו, שטעלט אָן אַף מיר די אויגעלאַך, האַלט שוין גרייט דעם קאַנטשיק, פאַרטיק אָנצופאַלן אַף מיר, ווי אַ מלאך המות!

אוי, דער קאַנטשיק! ווען ניט דער קאַנטשיק, וואָלט דאָך געווען אַזוי גוט צו גיין צו מאיר הירשן אין חדר. נאָר גיי, אַז דער קאַנטשיק לאָזט ניט לעבן אַף דער וועלט!

דערפאַר אַז עס קומט פרייטיק, בין איך זיך אמת מחיה. פריי פון חדר איבער שבת. ניטאָ קיין מאיר הירש. ניטאָ קיין מורא פאַרן קאַנטשיק. עס איז נאָר אַ צרה, וואָס עס הערט ניט אויף צו רעגענען און די בלאָטע אין דרויסן איז געפערלעך גרויס. וואָרום אין סניטקיוו, אַז עס ווערט אַ בלאָטע נאָך אַ רעגן, איז, אַז מען קריכט אַריין מיט איין פוס, קען מען ניט אַרויסקריכן ביז מען שטעלט ניט אַריין דעם אַנדערן פוס. און אַז מען שטעקט שוין אין אַ סניטקיווער בלאָטע מיט ביידע פיס, איז אָדער מען ציט זיך אויס אין דער לענג, אין מיטן גאַס, און ווער עס גייט דורך די גאַס, מאַכט אַ געלעכטער, אַז מען וויל זיך פאַר בושה ניט אומקוקן, אפילו ניט אַ קוק טאָן ווער עס לאַכט, אָדער מען דאַרף גיין עמיצן אָנזאָגן: „גייט נאָר, אייער אינגל איז געבליבן שטעקן אין בלאָטע... גייט נאָר, שלעפּט אים אַרויס!”

אָבער חנוכה צייט, אַז עס שטעלן זיך די פרעסט, ווערט מען אויפגעריכט פון די בלאָטעס, ביז פאַר פסח. אַז עס איז ניטאָ קיין בלאָטע, שפּילן מיר זיך אַלע פרייטיק און שבת אין שנייעלאַך. מיר מאַכן מענטשעלאַך פון שניי, און מיר קאַטשען זיך אַראָפּ אַ באַרג, און מיר שפּרינגען איבער פּלויטן. מען דאַרף זיך נאָר אויסהיטן, אַז אין דער היים זאָל מען זיך ניט דערוויסן וואָס מען טוט אין דרויסן.

צו מאיר הירשן דעם דרדקי מלמד האָב איך זיך צוגעוואוינט, און האָב שוין געוואוסט, אַז אַלע טאָג דאַרף איך אַריינכאַפּן עטלעכע קאַנטשיקעס. ניט פאַרן לערנען. אַ גרויסע מציאה די גאַנצע תורה וואָס אַ מאיר הירש לערנט מיט די אינגלאַך. איך האָב די תורה אויסגעלערנט די ערשטע פיר וואָכן און דערנאָך האָט ער מיך אַלע טאָג אָוועקגעזעצט און איך האָב געדאַרפט חזר'ן מיט אַנדערע אינגלאַך, וואָס האָבן פאַרשטאָפּטע קעפּ, אַז זיי געדענקען ניט פון דאַנעט אַהין. אַנדערע אינגלאַך גייען אָפּ צו מאיר הירשן דריי זמן, און קענען נאָך אַלץ ניט דעם גאַנצן אלף בית, און מיך האָט מען אָפּגענומען פון מאיר הירשן באַלד נאָך דעם ערשטן זמן. און טאַטע האָב איך געזינדיקט און געמיינט, אַז באַ מאיר הירשן איז מיר געווען ניט גוט, האָט מיר גאָט צוגעשיקט נאָך פסח אַ נייעם מלמד, ליגט ער מיר נאָך איצטער אין די ביינער.

צוויי־און־צוואַנציק

— ד —

— וואַרט אויס, זאָל נאָר אַריבער דער פּסח, וועט מען דיך אַוועקגעבן אין חדר אַריין, ניט צו מאיר הירשן, נאָר צו קלמנ׳ען. וועסטו שוין ווערן אַ לייט! — אַזוי זאָגט מיר די מאַמע, חול המועד פּסח, איינמאָל, ווען איך האָב זיך פאַרשפּילט מיט די אינגלאַך אין ניס, און בין ניט אהיימגעקומען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

איר קענט ניט קלמנ׳ען? מען רופט אים אין סניטקיוו קלמן גזלן. דאָס האָט אים טאַקע דודל דעם שוחט׳ס אַ נאָמען געגעבן דעם ערשטן טאָג, וואָס מיר האָבן אויפגעהערט צו גיין צו מאיר הירשן אין חדר אַריין, און זענען אָנגעקומען צו קלמנ׳ען.

מאיר הירש׳ס חדר איז געווען גאָלד אַנטקעגן קלמנ׳ס. קלמנ׳ס דירה איז די גרויס ווי אַ געניץ, ליגט ערגעץ הינטער דער שטאָט, לעבן מרחץ. די שטוב איז קיינמאָל ניט אויסגעקערט, ניט אויפגעראַמט. די רביצין, די קלמנ׳עכע, אַזוי רופט מען זי, איז תמיד קראַנק, אָדער אַף די ציין, אָדער אַף אַן אויער, און גייט רק פאַרבונדן מיט אַ שמאַטע. איז זי קראַנק אַף די ציין, לייגט זי זיך הייסע טעלער איינגעוויקלט אין אַ קויטיקער שמאַטע צום פּנים, און אַז עס שטעכט איר אין אַן אויער, גייט זי אום פאַרבונדן דאָס גאַנצע פּנים מיטן האַלז, נאָר די נאָז מיט דער בראָדעווקע שטעקט אַרויס, און גיט איר צו אַזאַ חן, אַז מען קען חלש׳ן אַ קוק טוענדיק אַף איר.

קלמן אַליין, איז אַ איד אַ הויכער, אַ דאַרער, און דאָס פּנים איז אים תמיד פאַרשוויצט. און דערצו איז ער אַ יאַדישליווער, איז טאָמער נעמט ער נאָר אַ אינגל און זעצט אים אַוועק צום סידור, איז עס נאָך נשקשה פון אַ אינגל, וואָס קען אַ ביסל עברי, איז נאָך צו דערליידן, נאָר טאָמער איז עס אַ אינגל מיט אַ פאַר־שטאָפּטן קאָפּ, ווערט קלמן אָנגעצונדן און רויט ווי אַ בוריק, און אין מיטן־דערינען פאַרהוסט ער זיך, קען ער ניט רעדן, כאַפּט ער דעם קאַנטשיק, און ער הויבט אָן קאַטעווען דאָס אינגל, איבער דער פּלייצע, דערנאָך איבער די הענט און אַמאָל טאַקע איבערן פּנים,

אַז עס שטעלן זיך אָפּ בלויע פּאַסן, „סיניאַקעס" פון דעם קאַנטשיק. אַט דאָס איז קלמן, און ניט אומזיסט האָט אים דודל אַ נאָמען געגעבן „קלמן גזלן".

באַ קלמנ'ען לערנט מען שוין עברי. באַ מיר איז עברי אויך ניט קיין גרויסע מעציאָע. אַז מען קען דעם אלף בית, און די נקודות, קען מען שוין זאָגן עברי אויך. מען דאַרף נאָר וועלן צולייגן דעם קאָפּ. האָב איך טאַקע אין אָנהויב ניט געהאַט קיין שטאַרקן חשק צוצולייגן דעם קאָפּ, און אַזוי ווי קלמן וואוינט הינטער דער שטאָט, לעבן מרחץ, און הינטערן מרחץ איז דאָ אין סניטקיוו אַ שטיקל טייכל, טאַקע ניט מער ווי אַ שטיקל. עפּעס אַ שמאָל ריטשקעלע לויפט פון אונטער אַ בערגל, און דאָרטן אין דעם ריטשקעלע שווימען ארום אַ פּאָר קאַטשקעלאַך, און איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט צו זיצן באַם טיש איבער אַן אָפן סידור. און דורך דעם אָפענעם פענצטער קוקן ווי די קאַטשקעלאַך פּליושקען זיך אין דער ריטשקע, שווימען אום אָף די בייכעלאַך, טוקן זיך אַלע מאָל אונטער, און ברענגען ארויף עפּעס אַ ווערעמל אָדער אַנאַנדער לעבעדיק באַשעפעניש'ל פון אונטערן וואַסער.

האָט עס קלמן גזלן איינמאָל דערזען, פוילט ער זיך ניט און דערלאַנגט מיר מיט דעם קאַנטשיק איינמאָל און נאָך אַמאָל, פריער איבער די הענט, דערנאָך איבער דעם רוקן, און נאָכאַמאָל איבער די הענט, ביז איך האָב זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און האָב זיך צעוויינט. איז עס נאָך אַזאַ גזלן, דער קלמן, ער שלאָגט און לאָזט ניט וויינען!

— און אַט דאָס איז דיר פאַרן וויינען. וואָס איז דאָס פאַר אַ וויינען? ווער האָט דיך געהייסן קוקן אָף די קאַטשקעלאַך? וואָס איז דאָס פאַר אַ זיצן אין חדר און קוקן אין דרויסן אַרויס?"

און ביז איך האָב ניט אויפגעהערט צו וויינען, האָט ער מיך ניט אויפגעהערט צו דעקן מיטן קאַנטשיק, אַז מיינע הענט זענען געוואָרן ברוין און בלוי.

קום איך אַהיים און זאָג גאָרניט. נאָר מען דערקענט שוין אָף מיר. דאָס פּנים איז פאַרוויינט, ניט אָפּגעוואַשן, און מיט די הענט בין איך שוין אויך ניט אַזוי רירעוודיק ווי אַלעמאָל. איך פיל נאָך די סמנים פון די לעדערנע רימענס פון דעם גזלנ'ס קאַנטשיק. איז זיך די מאַמע מרחם אָף מיר, און גיט אַ זאָג צום טאַטן:

— דניאל, ווי איז מיר!... דער גזלן! קלמן מלמד האָט דאָך גאָר אַ תל געמאַכט פון דעם אינגל אין איין וואָך. גיב נאָר אַ קוק, ווי ער זעט אויס, דניאל!"

מיין טאַטע איז אָבער אַ איד, אַ חסיד, אַליין אַ בייזער, און פון אים אַליין כאַפּן מיר אַלע אויך אַריין אַ היפּש ביסל קלעפּ מיט סטוסאַקעס פאַר אַ ליאַדע זאַך. רופט זיך אָן דער טאַטע:

— נשקשה, זאָל דיך ניט אַרן. קלמן שלאָגט ניט אומזיסט. אויב ער האָט אים דערלאַנגט מיטן קאַנטשיק איז אים מן הסתם געקומען, וואָס אַרט דיך!"

און צו מיר רופט זיך דערנאָך אָן דער טאַטע:

— קום נאָר אַהער, דערציייל, וואָס איז געווען? פאַרוואָס האָט ער דיך געשלאָגן, קלמן?"

— פאַר גאָרניט. איך האָב גאָרניט געטאָן!"

— פאַר גאָרניט, נעבעך... אַ גאָט'ס רחמנות אַף דיר! אַט וועט ער לויפן און זיך כאַפּן שלאָגן אַ אינגל אומזיסט און אומ־נישט," לייגט צו דער טאַטע, און ער שטייט צו צו מיר, אַז איך זאָל אים זאָגן פאַרוואָס האָט מיך היינט קלמן אַזוי געשלאָגן.

צעוויין איך זיך, און וויינענדיק דערצייל איך:

— פאַר קוקן אין דרויסן דורכן פענצטער! אַפן וואַסער זענען געשוואומען קאַטשקעלאַך, האָב איך געקוקט ווי זיי שווימען!"

פוילט זיך ניט דער טאַטע, און לאָזט מיר ערשט אַראָפּ פרישע צוויי פעטש, און ער לייגט צו:

— נאַדיר קאַנטשקעלאַך, אָט האָסטו דיר וואַסער, און וויים! אַזאַ געזונטער בחור פון קאַרגע זעקס יאָר, זאָל דיר קוקן דורכן פענצטער אַף קאַטשקעלאַך אין וואַסער. אַ באַשריגענע יאָר אַף דיר, דו גרויסער גוי!"

פון דעמאָלט אָן האָב איך שוין געוואוסט אַז איך דאַרף זיך היטן פאַר קלמנ'ען ווי פאַר אַ מלאך המות. האָב איך שוין געהאַלטן אָן אויג אַף קלמנ'ען. וואָס איך האָב ניט געטאָן אין חדר, האָב איך מיט איין אויג געקוקט אַף קלמן גזלן, צו ער זעט וואָס איך טו.

די בעסערע אינגלאַך פון מאיר הירשן זענען אויך איבער־געגאַנגען צו קלמנ'ען. נאָר איציקל יאָסל וואָועס איז נאָך געבליבן באַ מאיר הירשן אַף נאָך אַ זמן. דערפאַר אָבער זענען צוגעקומען נייע אינגלאַך, וואָס האָבן שוין פריער געלערנט באַ קלמנ'ען, און זיי האָבן אונז אויסגעזאָגט אַ סך סודות.

יאָסל אלעזר'ס, אַ אינגל אַ ברען, מיט צוויי פּייערדיקע אויגן, האָט אונז דערציילט, אַז קלמן קנייפּט. אַז ער האָט אַ שפּיציקן נאָגל, און אַז ער שטעכט אַמאָל אַריין דעם שפּיציקן נאָגל אין דעם ווייכן פלייש, פילט מען דעם נאָגל אַ גאַנצע וואָך.

פאַר דעם נאָגל האָבן אַלע אינגלאַך געציטערט ווי פאַר דעם טויט, און שטילערהייט בין איך קלמנ'ען געווען אַ שונא אַפן לעבן. איך פלעג דאַנקען גאָט וואָס ער פאַרהוסט זיך, און קען ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און איך אַליין האָב תמיד געהאַט פאַרשטערטע טעג, האָב מורא געהאַט זיך צו שפּילן אין חדר, ווייל איך האָב ניט געקענט אַראָפּלאָזן די אויגן פון קלמנ'ען.

וואָס איך האָב געטאָן איז אים ניט געפעלן. טאָמער בין איך מיד געוואָרן צו זיצן און האָב זיך אַ ביסל אַ בויג געטאָן אין אַ זייט, איז געפלויגן דער קאַנטשיק איבער מיין רוקן: „ווי אַזוי זיצסטו דאָס!"

טאָמער האָב איך אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זייט, און אַ רעד געטאָן מיט אַ אינגל אַ וואָרט, האָב איך ווידער באַקומען עטליכע שמיץ: „עס וועט זיין שטיל, צי ניין?" נאָר ווי אין אַ טורמע, אַזוי האָט ער אונז געהאַלטן, דער גזלן.

אָבער סוף זומער זענען מיר פון אים פּטור געוואָרן. מיר האָבן שוין געדאַרפט אָנהויבן צו לערנען חומש, און מען האָט מיך אָפּגענומען פון קלמנ'ען.

מיט אַלע מיינע מלמדים, בין איך שפּעטער, ווען איך בין גרעסער געוואָרן, געווען גוטע פריינט, נאָר קלמנ'ען האָב איך קיינמאָל אין פּנים ניט געוואָלט קוקן. איך בין אים געווען און געבליבן אַ שונא פאַר די קאַנטשיקעס, פאַר די קניפּלאַך מיט דעם שפּיץ נאָגל, וואָס ליגן מיר נאָך איצטער אין טעם.

אַלע סניטקיווער אינגלאַך, אַז זיי ווערן גרויס, קומען זיי צו די מלמדים אין אַ יום טוב, אָדער גייען צו אין בית המדרש און זאָגן דעם רבין: „גוט שבת". עס איז שוין אַ מנהג אַזאַ, אַפן גאַנצן לעבן. אָבער ניט צו קלמנ'ען. פון קלמנ'ען אַנטלויפן די קינדער, אַפילו ווען זיי הערן שוין אויף לערנען באַ אים. אַפילו ווען זיי זענען שוין גרויסע, און לייגן שוין תפלין, און לערנען שוין אין בית המדרש פאַר זיך.

אַז דודל דעם שוחט'ס, גיט אַ נאָמען גזלן, איז ניט אומזיסט. קלמן גזלן ליגט מיר נאָך איצטער אויך אין די ביינער, און ווי לאַנג איך וועל לעבן, וועל איך אים ניט פאַרגעסן, און בלייבן וועל איך אים אַ שונא.

זעקס-און-צוואַנציק

אַלטער ישעיה׳ס

ה

דער בעסטער מלמד פֿאַר אָנצוהויבן חומש מיט אַ אינגל אין סניטקיוו, איז אַלטער ישעיה׳ס, אַ מענטש אָן אַ גאַל, אַ פּנים וואָס לאַכט שטענדיק, אַ איד, וואָס קען קיין הויך וואָרט ניט אַרויס־רעדן. אַז איך וויים גאָרניט, ווי אַזאַ מענטש פּועלט באַ זיך צו ווערן אַ מלמד.

חול המועד סוכות איז אַלטער ישעיה׳ס אַריינגעקומען צו אונז אַף טיי, און דער טאַטע האָט אים אַ זאָג געטאָן:

— רב אַלטער, מיין אינגל האָט זייער אַ וואוילן קאָפּ. אין איין זמן האָט ער איבערגענומען מאיר הירש׳ס גאַנצע תורה, און אפילו באַ קלמנ׳ען איז ער אויך פֿאַרטיק געוואָרן אין איין זמן, און איצטער איז ער אייערער. איך גיב אים אייך איבער אין אייערע הענט אַריין. ער איז אַ ביסל אַ פֿאַרשאַרטער, נאָר דאָס לאָז איך שוין איבער צו אייך. דערויף האָט דאָך גאָט באַשאַפֿן אַ קאַנטשיק אַף דער וועלט, האַ!״ זאָגט דער טאַטע צו אַלטערן, און קוקט אַף מיר. איך מאַך זיך, אַז איך הער ניט.

אַלטער גיט אַ זופּ די טיי פֿון גלאָז און ענטפֿערט מיט אַ שמייכל:

— אַ קאַנטשיק? גאָט באַהיט. צו וואָס דאַרף מען אַ קאַנטשיק? אַ גוט אינגל דאַרף מען ניט שלאָגן, און אַ שלעכטן העלפֿט ניט קיין שלאָגן!״

דערהערט פֿון אַלטערן אַזעלכע דיבורים, איז מיר שוין געוואָרן גוט אַפֿן האַרצן און איך טראַכט מיר:

— איצטער ווען איך האָב נאָך דאָרטן מיינע פֿריערדיקע חברים, דודל דעם שוחט׳ס, וואָס קען אַזוי פֿיל שמד׳שטיק, און יאָסעלע אלעזר׳ס, וועט שוין זיין אַ לעבעדיקע וועלט....

איך וויים ניט אויב דאָס איז געווען מיט אַן אויסרעכענונג, נאָר אַלע מלמדים אין סניטקיוו האָבן געוואוינט עק וועלט. מאיר הירש, מיין דרדקי מלמד, האָט געוואוינט אַזש לעבן קלויסטער. און דער קלויסטער אין סניטקיוו איז דאָרטן, וואו אידן וואוינען שוין מער ניט, און עס הויבט זיך אָן פֿריער דעם גלח׳ס הויף,

דערנאָך דאָס דאָרף. דער קלויסטער צעטיילט סניטקיווער אידן פון די דאָרפישע גויאישע שכנים. די אידישע הייזער האָבן די דעכער געדעקט אמאָל מיט טשערעפּעס, אמאָל מיט שינדלען, און דאָס איבעריקע מיט שטרוי. אַ נגידיש הויז איז געדעקט מיט טשערעפּעס. פון אַזאַ דאָך רינט ניט אַריין. אַ בעל־הבתיש הויז איז שוין צוגעדעקט מיט שינדלען, און אַז גאָט העלפט דער ווינט רייסט אַמאָל אַרונטער אַ שינדל, גיסט שוין אַריין אין שטוב אַרייַן, אַזוי גאַנץ בעלי־בתיש. אַ קבצניש שטיבל אין סניטקיוו איז שוין צוגעדעקט מיט שטרוי, און אַז גאָט העלפט די פייגעלעך הויבן אָן צו בויען נעסטן, בויען זיי ניט אין די דעכער, נאָר זיי צעשלעפּן דאָס ביסל שטרוי איינציקווייס פון די קבצנישע דעכער, און אַז עס קומט אָסיען, איז אויף די קבצנישע דעכלעך אַ גרויס רחמנות.

גויאישע הייזער זענען אַלע געדעקט מיט שטרוי. אָבער גויים קענען דאָך קריכן אויף דעכער אפילו אָן אַ לייטער, דעקן זיי אַלע פאַר־פּסח איבער די דעכער, אידישע דעכער שטייען אַמאָל אויף יאָרן לאַנג, מיט די לעכער, וואָס זעען אויס ווי אויסגעפּליקטע.

איז מאיר הירש'ס שטיבל געשטאַנען לעבן קלויסטער, און אַז מען האָט אַרויסגעקוקט פון פענצטער, האָט מען שוין מער ניט געזען קיין אידישע הייזער, נאָר דעם שפּיץ קלויסטער און דאָס דאָרף.

בײַ מאיר הירש'ן, אַז מען האָט געלערנט, האָט מען פאַרן דאָרף ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, ווייל אברהם דער באַהעלפער האָט געטראָגן אויף די פּלייצעס, און ער האָט דערפאַר באַקומען פון דער מאַמען ראש חודש געלט. מיין מאַמע האָט אים געגעבן אַלע ראש חודש אַ זעקסער. נאָר בײַ מיין מאַמען איז אַ זעקסער אויך געווען אַ סך געלט.

קלמן גזלנ'ס דירה איז געלעגן הינטערן מרחץ. דאָס מרחץ אין סניטקיוו שטייט עק־וועלט — הינטערן באַרג, דאָרטן, וואו קיין אידישע הייזער זעט מען מער ניט, און עס לויפט די ריטשקע, וואָס צעטיילט די „שטאָט" פון דעם „דאָרף", די אידן פון די גויים. דאָרטן, גאָר צום סוף איז געווען קלמן גזלנ'ס דירה. אַז מען איז נעגאַנגען פון חדר האָט מען זיך שוין געדאַרפט היטן פאַר די שקצימלעך, וואָס גייען אָנגעטאָן אין לייווענטענע פּלודערן אום זומער, און פעלצענע הויזן, ווינטער, און מיט גרויסע קוטשמעס סיי זומער, סיי ווינטער. און אַז אַ שייגעצל דערטאַפּט אַ סניט־

קיווער אינגעלע אין גאַס, איז ער אים פריער מכבד מיט אַ שטיינדל אין קאָפּ, אָדער אין פּלייצע, און אַז דאָס אינגל נעמט לויפן, באַגלייט אים דאָס שייגעצל מיט אַ לידל:

„זשיד, זשיד, כאָלאַמיי,
פּאָווישיווסיאַ, נאַ רימען,
אַ יאַק רימען אופּאַוו,
טאַי זשיד אוסטאַוו!"

היינט אַז עס קלייבן זיך נאָך אַמאָל צונויף אַ שייקע שקצימ־לעך און באַפֿאַלן די אינגלעך, וואָס גייען פֿון חדר, זאָל זיך איין גאָט מרחם זיין אַף די אידישע קינדער, וואָס לויפֿן ווי איבער־געשראָקענע האָזן. וואָרום ווער קען זיך עס אַנטקעגן שטעלן די שקצים, אַז איין שייגעצל איז געזונטער פֿון אונז אַלעמען. איז טאַקע דאָס גיין פֿון חדר געווען אַן אַפּקומעניש. מען איז מער ווי איינמאָל אַהיימגעקומען מיט אַ לאָך אין קאָפּ, אָדער מיט אַ לאַמען פּוס פֿון די גוייִשע קלעפּ, וואָס די שקצים האָבן אונז איינגעטיילט.

אַלטער ישעיה׳ס, מיין דריטער מלמד, האָט אויך געוואוינט הינטערן שטאָט, אין אַן אַנדער עק־וועלט, באַם שפּיץ באַרג, וואו מען פֿאָרט שוין אַרויס פֿון שטאָט.

נאָר באַ אַלטערן האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר אונז אַ נייע וועלט. דעם ערשטן אין דער פֿרי, נאָך שבת בראשית, אַז איך בין געקומען צו אַלטער ישעיה׳ס, האָב איך פֿון רבין אַליין באַקומען אַ „גוט מאָרגן". האָב איך זיך פֿאַרשעמט און אַראָפּגעלאָזן די אויגן, האָט דער רבי זיך ניט געפֿוילט און מיר געגעבן צו פֿאַרשטיין:

— אַז מען קומט אַריין אין דער פֿרי אין חדר אַריין, דאַרף מען זאָגן: גוט מאָרגן!"

באַלד איז אַריינגעקומען די רביצין, מרים, אַ הויכע אידענע, מיט אַ שפּיציקער נאָז, און מיט אויגן, ווי זי וואָלט ערשט געוויינט, און אין אַ קליידל וואָס האָט שוין פֿאַרלוירן דעם קאָליר, וויייל מרים פֿלעגט אומפֿאָרן אַף די יאַרידים, איינקויפֿן הינער, אייער, ציבעלעס, און שטענדיק איז זי געגאַנגען אין דעם אייגענעם קליידל, און טאַקע אין דעם פּאַדאָלאָק האָט מרים געטראָגן די ציבעלע און די אייער.

אַלטער האָט זיך אַף מרים׳ען געקענט פֿאַרלאָזן ניט נאָר מיט יאַרידים נאָר אַפֿילו מיטן חדר. אַז אַלטער פֿלעגט אַוועקגיין דאַווענען, האָט מרים מיט אונז געקנעלט, ווי אַ מאַנסביל. עס איז

געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף איר פּנים מיט די וויינענדיקע אויגן, וואָס אַלעמאָל האָט זיך געדוכט, אָט־אָט וועט מרים זיך צעוויינען. נאָר דאָס האָט זיך נאָר אויסגעדוכט אַזוי. די שלעכטע אויגן זענען איר געקומען פון אומקריכן אויף די יאַרידים, אין גוס־רעגנס, אין שנייען און זאַווערוכעס. נאָר אַז דער רבי איז געווען באַם דאַוו־נען, און מרים איז געווען אין שטוב, האָט זי אונז געשטעלט דאַוונען. זי האָט אַליין קיין סידור ניט געדאַרפט, אָבער זי האָט אונז געכאַפּט באַ אַלע גרייזן, און אונז פאַרריכט די ווערטער, און אַפילו די שווערסטע עברי האָט מרים געקענט ווי אַ וואַסער.

דערצו איז באַ אַלטערן געווען אַ אינגל, פּנחס׳ל, מיט אַ קעל־בערן פּנים, וואָס תמיד האָט עס געלאַכט. און פּעט איז פּנחס׳ל געווען, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער פרעסער, און אַ נאַשער. טאָמער האָט אַ אינגל געבראַכט אַ גוטן וואַרעמעס, האָט פּנחס׳ל נאָר געדאַרפט אָנשמעקן, האָט ער ניט געבעטלט, נאָר זיך אַוועק־געשטעלט אַנטקעגן דעם אינגל, האָט גענומען קוקן אין די אויגן אַריין, אין מויל אַריין, אַז מען האָט געוואָלט פון אים פּטור ווערן, האָט מען אים שוין אַליין געגעבן פון אַלצדינק צו פאַרזוכן.

— דערפאַר וועל איך דיך שוין אונטערפירן און אַוועקטרייבן די שקצים!״ האָט זיך פּנחס׳ל באַרימט פאַר דעם אינגל, וועמענס עפּל און בייגל ער האָט אַלע טאָג אויסגענאַרט ניט מיט ווערטער, נאָר מיט די נאַרישע, לאַכעדיקע אויגן.

פּנחס׳ל האָט געהאַט אַ שוועסטער, כייקעלע, אַ ביסל עלטער פון אונז. און כייקעלע האָט געקענט זייער שיין דערציילן מעשיות. און כייקעלען האָט מען שוין אַליין געגעבן אַ שטיקל עפּל, און אַ האַלבן קניש, אָדער אַנאַנדער גוטע זאַך צום נאַשן, אָבער די מעשיות זענען געווען געשמאַקער פון אַלע נאַשערייען אין חדר.

דערצו איז נאָך באַ אַלטער ישעיה׳ס געווען אַ ציג, און אַלע אין דער פרי האָט מען די ציג אַריינגעלאָזן פון שטאַלעכל אין הויז אַריין, צום מעלקן. אַז די ציג איז אַריין איז גאָר געוואָרן פריילעך.

מיינע חברים, דודל דעם שוחט׳ס און יאָסל אַלעזר׳ס זענען מיר נאָכגעגאַנגען פון איין מלמד צום אַנדערן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגערעטע זאַך. מער ווי דאָס האָב איך זיך אַליין ניט געוואונטשן, און אַז דודל און יאָסל אַלעזר׳ס האָבן דערזען די ציג, האָבן זיי פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן אין מיטן דאַוו־נען, אַפילו אין מיטן שמונה עשרה. דודל שטופּט דער ציג אַ

בלעטל פון זיין סידור, און די ציג פוילט זיך ניט און כאַפּט אַריין דאָס בלעטל „שמונה עשרה” און עסט — סידור מיט קלייען. דערווייל דערזעט עס יאָסל אלעזר׳ס, און שטופּט דער ציג אויף זיין סידור, און אַזוי אַלעמאָל אַנאַנדער שפּיצל מיט דער ציג, יעדן אין דער פרי. אין אַ חודש אַרום איז ניט געבליבן קיין איין גאַנצער סידור.

אַז אַלטער איז געקומען פון דאַוונען, האָט ער געהייסן אַרונטערנעמען די סדורים און אַרויפלייגן חמושים אַפן טיש. ער האָט אונז פריער דערציילט, אַז חומש הויבט מען ניט אָן פון בראשית. די מעשה פון בראשית וועט ער אונז דערציילן. און ער האָט טאַקע באַלד אונז אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה ווי אַזוי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, און אַפילו יאָסעלע אלעזר׳ס האָט אויפגעשפּיצט ביידע אויערן, און זיך איינגעהערט צו אַלע מעשיות, און צום סוף ערשט, האָט אַלטער מיט אונז אָנגעהויבן חומש.

חומש

איך ווייס ניט ווי ערגעץ אַנדערש הויבט מען אָן מיט אינגלעך חומש, נאָר אין סניטקיוו הויבט מען מיט אַלע אינגלעך אָן חומש אַט אַזוי:

— וואָס לערנסטו, אינגעלע? חומש.

— וואָס איז טייטש חומש? פינף.

— וואָס פינף? פינף ספרים זענען פאַראַן אין דער הייליקער תורה.

— ווי הייסן זיי? בראשית, איז איינס; שמות, איז צוויי; ויקרא, איז דריי; במדבר, איז פיר, און דברים, איז פינף.

— וועלכן ספר לערנסטו, אינגעלע? ויקרא.

— וואָס איז דער טייטש ויקרא? און ער האָט גערופן.

— ווער האָט גערופן? גאָט האָט גערופן צו משה'ן, ער זאָל אים לערנען דעם דין פון קרבנות.

— וואָס הייסט אַ קרבן? אַ קרבן איז אַ שאָף אָדער אַ רינד, אָן אַ מום.

— וואָס הייסט אַ מום? אַ מום איז אַ בלינד אויג אָדער אַ צעבראָכענער פוס.

— פאַרוואָס עפּעס האָסטו אָנגעהויבן צו לערנען פון ויקרא? ווייל ויקרא לערנט פון קרבנות, און קרבנות זענען הייליק, און איך — אַ קליין אינגעלע, בין אויך הייליק."

די מעשה מיט קרבנות האָב איך ניט נאָר ניט פאַרשטאַנען, ווען איך האָב אָנגעהויבן חומש, נאָר אַפילו ניט אַ פּאָר יאָר שפּעטער. נאָך דער דאָזיקער דערמאָנטער רעדע וועגן „ויקרא" האָבן מיר אינגאַנצן געלערנט עטליכע פּסוקים חומש. געלערנט האָבן מיר די עטליכע פּסוקים אַ גאַנצן חודש, און דערנאָך איז אַלטער ישעיה'ס געקומען צו אונז אַהיים איין שבת באַטאָג מיך פאַרהערן דאָס חומש.

וואָס אַלטער האָט מיך אויסגעלערנט, דאָס האָב איך גע־וואוסט. האָב איך עס אויסגעזונגען מיט דעם ניגון און מיט דעם קוועטש, ווי ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן לערנען דאָס חומש. דער עיקר אָבער האָט אונז מרים נאָך בעסער געלערנט ווי אַלטער.

ביז אַלטער איז געקומען פון דאַווענען, האָט מרים, וואָס פלעגט אומפאָרן אַף יאַרידים און פאַרקויפן גוטע זאַכן, האָט זי אונדז מכבד געווען מיט פּירות צו פאַרזוכן, און אַף יעדע פרי האָט זי אונדז געלערנט ווי צו מאַכן אַ ברכה, און אַמאָל האָט זי אונדז אָפּגעבאַקן אַ קוכן און אונדז געלערנט אַז מען דאַרף מאַכן מזונות, און אַזוי איז אויסגעקומען, אַז מיר זענען בײַ אַלטערן געווען גוטע תּלמידים, ווײַל וואָס ער האָט מיט אונדז אָנגעהויבן צו לערנען, האָבן מיר שוין פון פריער געוואוסט פון מרים'ס אײַנקנעלן מיט אונדז.

נאָך „ויקרא" איז געוואָרן גאָר פרייליך. די טעג האָבן אָנגעהויבן צו ווערן קלענער, און דער רבי האָט אונדז אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז מיר הייבן אָן צו גיין בײַנאַכט אין חדר.

— יעדער אינגל דאַרף ברענגען אַף גאָז אַ צווייערל אַ וואָך, אָדער אַ ליכט פאַר אַ קאָפּיקע." אַזוי האָט אונדז אַלטער אָנגעזאָגט ראש חודש כסליו, און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ לעבעדיקע וועלט.

אחוץ די קאָפּיקע אַף גאָז, אָדער דאָס ליכט פאַרן חדר, האָט מען נאָך געדאַרפט האָבן אַ לאַמטערן צו גיין אַהיים פון חדר.

יעדעס אינגל האָט באַקומען אַ לאַמטערן פון האָלץ מיט אַ קליין גלעזערן פענצטערל, דורכוואַנעט מען האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט אין דעם לאַמטערן. איז פריער געווען אַ גרויסע שמחה, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו גיין בײַנאַכט. אַז דער רבי איז פאַרנאַכט אַוועק דאַווענען מנחה־מעריב האָט כייקע זיך אַוועקגעזעצט מיט אונדז אין חדר, און האָט, אַזוי שנעל ווי עס האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן, גענומען דערציילן מעשיות. און אין דער פינצטער זענען די מעשיות אַרויסגעקומען נאָך פאַנטאַסטישער, ווײַל אַלע מעשיות זענען געווען פון גזלנים, און תּמיד איז געקומען אליהו הנביא און דעם אידן געראַטעוועט פון די גזלנים. און אַלע מעשיות האָבן זיך געענדיקט מיט:

— זיי איז גוט, און אונדז איז נאָך בעסער,
— זיי עסן האָניק מיטן פאָלאָניק,
— און מיר עסן לעקאָך אָפּן שפּיץ מעסער."

דער רבי אַליין האָט אין די ווינטער נעכט אויך דערציילט מער מעשיות ווי געלערנט. נאָר דעם רבינ'ס מעשיות זענען שוין געווען אַנדערע מעשיות. דעם רבינ'ס מעשיות זענען געווען פון

„קב הישר״ און פון ישראל בעל שם טוב, און פון די למד ווו צדיקים, און אלע מעשיות האבן זיך געענדיקט מיט:

— א איד דארף ניט מורא האבן. אידן האבן זכות אבות, און א גרויסן גאט אף דער וועלט. גאט פארלאזט ניט!״

אז גאט האט געהאלפן און מרים איז אהיימגעקומען און האט געהאט א גוטן יאריד, איז כאטש אירע אויגן האבן אויסגעזען נאך מער פארוויינט פון דעם ווינט, איז באלד געבוירן געווארן א גרויסער טאפ קארטאפליעס, און בעת דער רבי האט פארענדיקט די לעצטע מעשיות, איידער מיר האבן זיך געשטעלט דאווגען מעריב, האט מרים ארויפגעשטעלט אפן טיש די הייסע קארטאפ־ליעס, מיט די פעלצלעך, פון וועלכע עס האט געזעצט א געדיכטע פארע, און אפילו יאסעלע אליעזר׳ס, וואס זיין טאטע איז געווען א גרויסער גביר האט זיך אזוי געקוויקט מיט דער הייסער קארטאפליע, און אז מיר האבן איינמאל דערשמעקט וואס פארא גוטע מרים איז, האבן מיר זיך אלע צונויפגערעט, אז מיר זאלן אלע פון דער היים ברענגען קארטאפליעס. האט יעדער אינגל געבראכט פולע קעשענעס מיט קארטאפליעס, אז עס איז שוין געווען גענוג פאר דעם גאנצן ווינטער.

די קארטאפליעס און די מעשיות האבן אונז געהאלטן איז חדר מיט אזא חשק, אז דער רבי האט זיך גערארפט בעטן בא אונז:

— דאוונט מעריב און גייט אהיים. עס איז שוין ניין דער זייגער!״

און פון חדר באנאכט זענען מיר געגאנגען מיט אנגעצונדענע לאמטערנס און מיט געזאנג. דאס שענסטע לידל, וואס מיר האבן געזונגען איז געווען:

— אני ביער הלכתי,
— קולות מצפרים שמעתי,
— קולות מצפרים,
— מזמרים זמרים,
— מצפצפים וזומרים:
— רו, רו רו!״
— איך בין געגאנגען
— אין ווילדן וואלד,
— האב באענגט פייגעלעך,
— יונג און אלט,

פיר־און־דרייסיק

— פייגעלעך זינגען,
— זינגען און קלינגען,
— זינגען די פייגעלעך:
— רו, רו רו!"

איבערן קאָפּ האָבן געוואונקען שטערן, הינטער די פיס האָט געסקריפּעט דער ווייסער שניי. דער פראָסט האָט געצופּט די נאָז. די פרישע לופט האָט געקרעפּטיקט און געשטאַרקט די קינדערשע ברוסט. עס איז גוט צו זיין אַ אידיש קינד, צו גיין פון חדר מיט אַ לאַמטערן באַנאַכט, צו לערנען חומש, הערן מעשיות, און קומען אהיים אַף דער נאַכט אַ פריילעכער, און אַריינפאַלן אין שטוב מיט: „אַ גוטן אָוונט!"

אָבער אַ אידיש קינד, איז, ווי זאָגט מענדעלי: אַ קליין אידעלע...

איידער מיר האָבן זיך אומגעקוקט, האָבן מיר שוין אַלטער ישעיה'ס אויך פאַרזינדיקט. אָפּגעלערנט אַ זמן, אַ פּרשה חומש אַלע וואָך, איבערגעלאָפן דער ווינטער, האָבן מיר אויפגעהערט צו גיין באַנאַכט, האָבן געמאַכט אַ סעודה און אַז עס איז געקומען נאָך פּסח האָט מען אונז אָנגעדונגען ווידער ווי צונויפגערעט זיך, צו ברוך פּייוול'ס.

ברוך פייוול׳ס

ז

ברוך פייוול׳ס איז געווען אַ איד מיט אַ מילכיק פּנים, אַ געל בערדעלע, און מיט בלויע אויגן, און מיט אַ שפּיציק נעזל, און גערופן האָט מען אים „ברוך פאַלגע“. פאַלגע הייסט אויף סניטקיווער לשון — אַ שניידער. און ברוך׳ס טאַטע, פייוול, איז געווען כל ימיו אַ שניידער. אָבער אַ גאַנצע וואָך איז פייוול ניט געווען אין דער היים, נאָר ערגעץ אין די דערפער, וואו ער האָט פאַר־לאַטעט גויאישע פעלצן. פרייטיק איז פייוול געקומען פונקט אין צייט, ווען מען דאַרף שוין גיין אין מרחץ אַריין, נאָכדעם ווי ברוך האָט שוין מיט אונז מעביר געווען די סדרה.

באַ ברוכן האָבן מיר אָנגעהויבן אַ סך נייע למודים, אַז די ערשטע צייט האָבן מיר טאַקע געמיינט, אַז דער מח וועט זיך שפּאַלטן.

חומש האָבן מיר אָנגעהויבן לערנען די גאַנצע סדרה אַלע וואָך. אָבער די זומערדיקע סדרה׳ס זענען מאָדנע סדרה׳ס: ויקרא, צו און שמיני, זענען וואָכן פון ערב פּסח, און פּסח גייט מען ניט אין חדר, און אַז אינגלעך גייען ניט אין חדר זענען דאָ בילכערע זאַכן ווי צו לערנען די סדרה. ערב פּסח באַקט מען מצות. פּסח שפּילט מען אין ניס, נאָר דאָס זענען באַזונדערע מעשיות און איך וועל זיי אייך אַנאַנדערש מאָל דערציילן. אָבער אַז עס קומט באַלד נאָך פּסח, און די זון הויבט אָן שיינען פון דער בלאָטע אַרויס, און אין דאַרף הויבן זיך אָן צעצוויטן די ערשטע מאַי־בוימער, און ברוך פייוול׳ס, ווי אַלע סניטקיווער מלמדים וואוינט אויך הינטערן שטאָט, טאַקע ניט ווייט פון טיכאַטשאָווס הויז, וואָס שטייט אויף אַ באַרג און קוקט אַריין צו ברוכן אין שטוב, דורך די פענצטער, איז לאַ די, וואָס מען הויבט אָן גיין צו אַ נייעם מלמד, דאַרף מען נאָך אָנהויבן מיט אַזאַ סדרה ווי „תזריע“.

ברוך פייוול׳ס איז אַ מלמד וואָס האָט שוין דריי כתות אינגלעך, און די כתות האַלט ער אין איין איבערזעצן אַ גאַנץ יאָר, און ניט איבערזעצן, נאָר ער ציט אויף ווי באַ די אויערן.

אַנגעהויבן די ערשטע וואָך באַ ברוך'ן „תזריע", קוים דורכ־געקראָכן די סדרה חומש, און באַ ברוך'ן איז שוין ווידער דאָ אַ קאַנטשיק. און אַלץ הייסט אַ קאַנטשיק. ניט קיין דין קאַנטשיקל ווי באַ מאיר הירשן, נאָר אַ קאַנטשיק פון כפל שמונה'דיקע רימענדלעך, וואָס בריען ווי מיט פייער, אַז עס פאַרגייט אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. וואָלט דאָך דאַכט זיך געווען גענוג, אַז מען זאָל דאַווענען אין דער פרי און אַף דער נאַכט און לערנען אַ סדרה חומש אַלע וואָך? ניין. אַף דער צווייטער וואָך, האָט מיך שוין ברוך פּייוול'ס איבערגעזעצט, און אין דער עלטערער כתה האָט מען שוין אָנגעהויבן צו לערנען רש"י.

דערפאַר אָבער האָט ברוך געקענט דערציילן מעשיות, אַז טאָמער האָבן מיר געכאַפּט קאַנטשיקעס באַ דער רשי, האָבן מיר הנאה געהאַט פון די מעשיות... וועל איך אייך שוין טאַקע בעסער דערציילן די מעשיות.

בּרוך פּיוול׳ס מעשיות:

אַמאָל איז געווען אַ מלך

א

אַמאָל איז געווען אַ מלך, דער מלך האָט געהאַט אַ מלכּה, און ביידע האָבן געקעניגט איבער הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, און זיי האָבן געהאַט אַן אַ שיעור אינזלען און טייכן, וועלדער און פעלדער, קנעכט און דינסטן, שטערן-זעערס און כשוף-מאַכערס, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מיט אַ מלכּה.

און געלעבט האָט דער מלך מיט דער מלכּה ווייט, ווייט פון זיינע אונטערטאַנען, אַף אַ הויכן באַרג, צווישן ביימער און אין אַ קריסטאַלענעם פּאַלאַץ, וואָס האָט געהאַט טרעפּ פון מאַרמל שטיין און גראַניט און ווענט פון שפּיגלען, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מיט אַ מלכּה.

און אַז דער מלך מיט דער מלכּה האָבן געעפנט די אויגן אין דער פרי, זענען צען שקלאַפן שוין געלעגן אַף זייערע קני פאַרטיק צו טאָן זייער באַפעל. איז דער מלך, אָדער די מלכּה ניט געזונט געווען, זענען צען פּראָפעסאָרן געשטאַנען פאַרטיק זיי צו היילן. האָט אַ מענטש זיך פאַרזינדיקט פאַר דעם מלך אָדער דער מלכּה, זענען צען תּליונים געשטאַנען פאַרטיק מיט אַ פאַר-צויגענעם שטריק דעם פאַר׳משפּט׳ן צו הענגען.

דעם מלך׳ס פּאַלאַץ האָט געהאַט צען אייזערנע טויערן און יעדער טויער איז געווען פאַרריגלט מיט צען ריגלען און פאַרשלאָסן מיט צען שלעסער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פּאַלאַץ פון אַ מלך מיט אַ מלכּה.

ב

איין זאַך האָט געפעלט אין דעם פּאַלאַץ, אַ קינד, וואָס זאָל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ירשנ׳ען די שטעט און די דערפער, די קנעכט און דינסטן, די שטערן-זעער און מכשפים, און די הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות, וואָס האָבן געהערט צו דעם מלך מיט דער מלכּה.

אכט-און-דרייסיק

איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר, צוויי און דריי און דער מלך איז ברוגז געוואָרן אַף דער מלכה.

— וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין גאַנצן קעניגרייך, אַז מיין קרוין וועט נאָך מיין טויט אַרויפגעזעצט ווערן אַף אַ פרעמדנס קאָפּ און מיין נאָמען וועט אָפּגעווישט ווערן פון מענטשנס געדעכ־ניש. גיב מיר אַ קינד, וואָס זאָל קעניגן נאָך מיר! — האָט דער מלך געזאָגט צו דער מלכה.

— מיין ליבער מלך, האָט די מלכה געענטפערט, טו איך דען ניט תמיד דיין ווילן, ווייסטו דען ניט, אַז איך אַליין וואָלט געווען די גליקלעכסטע אין דער וועלט, ווען איך זאָל דיר געבוירן אַ קינד?

איז געגאַנגען דער מלך און האָט געשיקט רופן צען פון די בעסטע דאָקטוירים אין זיין שטאָט און האָט זיי געזאָגט:

— אויב איר זענט אמת'ע דאָקטוירים, מוזט איר וויסן פאַר וואָס מיין מלכה האָט נאָך ביז איצט ניט געבוירן קיין קינד און איך באַפעל אייך, אַז איר זאָלט מיר אויסהיילן מיין מלכה, איך גיב אייך אַ יאָר צייט און עס זאָל מיר געבוירן ווערן אַ קינד, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מיט אַ מלכה.

די דאָקטוירים האָבן געגעבן רפואות און עס איז אַריבער אַ חודש און צוויי און אַ יאָר און די מלכה האָט נאָך אַלץ קיין קינד ניט געהאַט.

איז געגאַנגען דער מלך און האָט ווידער געשיקט רופן די צען דאָקטוירים און האָט זיי געפרעגט:

— וואָס האָט איר אויפגעטאָן דעם יאָר צייט וואָס איך האָב אייך געגעבן?

— אדוני מלך! — האָט געענטפערט איינער פון די צען, אַ גרייז גרויער מאַן, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם בעסטן דאָקטאָר אין דער וועלט, — עס טוט מיר זייער לייד דיר צו זאָגן, אַז דיין מלכה איז ניט קראַנק, נאָר זי קען קיינמאָל קיין קינד ניט האָבן, און קיין דאָקטאָר קען איר ניט העלפן.

איז דער מלך אין כעס געוואָרן און האָט גלייך אַפן שטעל אַרויסגעגעבן אַ באַפעל:

— אַלע צען דאָקטוירים זאָל מען אָפּהאַקן די קעפּ!
און אַזוי איז באַלד געשען.

ניין־און־דרייסיק

ג

און עס איז ווידער פאַריבער אַ יאָר, צוויי דריי, איז גענאַנגען דער מלך, האָט געשיקט רופן צען פון די בעסטע שטערן־זעערס פון זיין לאַנד און האָט זיי געזאָגט:

— איר קענט אַלע שפּראַכן, איר פאַרשטייט אַלע קענטענישן, מוזט איר פרעגן בײַ די שטערן, אויב איך וועל האָבן אַ יורש, וואָס זאָל טראָגן מיין קרוין און זיצן אויף מיין טראָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מיט אַ מלכּה. איך גיב אייך אַ יאָר צייט.

איז פאַריבער אַ חודש, צוויי, דריי, אַ יאָר, איז געגאַנגען דער מלך האָט געשיקט רופן די שטערן־זעער און זיי געפרעגט:

— וואָס האָט איר אויסגעפונען? וועל איך האָבן אַ יורש בײַ מיין לעבן?

האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער פון די שטערן־זעער וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר דעם בעסטן אין דער וועלט און האָט געענטפערט:

— אדוני קעניג! אַ גאַנץ גייענדיק יאָר האָבן מיר ניט גערוט דורך די נעכט און האָבן געזוכט אַ שטערן אין דעם הימל, וואָס זאָל געהערן צו דיין משפּחה, צו דיין הויז־געזינד, אַ אינגל אָדער אַ מיידל, אָבער עס טוט אונז אַלעמען זייער לייד, קענסט מיט אונז טאָן וואָס דו ווילסט, אָבער דיר איז קיין קינד באַשערט.

איז דער מלך נאָך מער אין כעס געוואָרן און האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל:

— אַלע צען שטערן־זעער זאָל מען אויסשטעכן די אויגן!
און אַזוי איז באַלד געשען.

ד

און עס איז ווידער אַריבער אַ יאָר און צוויי און דריי, איז געגאַנגען דער מלך און האָט געשיקט רופן די צען גרעסטע מכשפים און האָט זיי געזאָגט:

— בײַ אייך זענען די שליסלען פון אַלע בייזע ווינטן און אַלע קראַנקייטן און איר ווייסט, וואו עס וואַקסן אַלע זיסע גראָזן און ביטערע קרייטיכער, גיב איך אייך אַ יאָר צייט און עס זאָל מיר געבוירן ווערן אַ קינד, וואָס זאָל ירשנ'ען מיין טראָן ווי עס פּאַסט פאַר אַ מלך מיט אַ מלכּה.

פערציק

האָבן די מכשפים געזאָגט צען שפּרוכן און האָבן זיך צעשייט אַף צען וועגן און יעדער מכשף האָט געקליבן צענערליי זיסע גראָזן און צענערליי ביטערע קרייטיכער אין צען פּוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער און וואַסערלעך האָבן זיי אָנגעבראַכט פון צענערליי קוואַלן און די מלכה האָט דאָס געגעסן און געטרונקען אַ חודש און צוויי און דריי ביז עס איז פאַריבער דאָס יאָר.

איז געגאַנגען דער מלך און האָט ווידער געשיקט רופן די צען מכשפים און האָט זיי געפרעגט:

— וואָס האָט איר געטאָן אַ גאַנץ יאָר? וואו איז מיין יורש?

האָט זיך אויפגעשטעלט דער עלטסטער פון די מכשפים און האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם קעניג ביז צו דער ערד און האָט געזאָגט:

— אדוני מלך! אַזוי ווי דו האָסט אונז אויסגעקליבן צען מכשפים האָט יעדער פון אונז געזאָגט צען שפּרוכן און מיר האָבן זיך צעשיידט אַף צענערליי וועגן און דערנאָך האָבן מיר אָנגעקליבן צענערליי זיסע גראָזן און ביטערע קרייטיכער אין צען פּוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער און איצט שטייען מיר אַלע פאַר דיר און זאָגן דיר דעם ריינעם אמת, דיר איז קיין קינד ניט באַשערט צו האָבן און מיר זענען גרייט צו שטאַרבן אַף דיין באַפעל.

איז דער מלך נאָך מער אויפגעבראַכט געוואָרן און האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל:

— הענגען!

און אַזוי איז באַלד געשען.

ה

איז ווידער פאַרלאָפן אַ יאָר און צוויי און דריי און די מלכה איז פון האַרץ ווייטיק קראַנק געוואָרן, און דער מלך איז תמיד געווען בייז און צאָרנדיק.

ויהי היום, טרעפט זיך, איינמאָל האָט אין יענער מדינה פאַרבלאָנדזשעט אַן אַלטער איד מיט אַ ווייס לאַנגע באָרד און פאות, און געגאַנגען איז דער איד איבער די הייזער און האָט געבעטן אַ נדבה.

און אין יעדן הויז, וואוהין דער אַלטעטשקער איז אַריינגע־קומען, האָט ער געזען, אַז די מענטשן זענען שטאַרק באַזאָרגט, גיט ער אַ פרעג:

— וואָס זענט איר אזוי באַזאָרגט?

דערציילט מען אים, אזוי ווי דער מלך מיט דער מלכה האָבן קיין קינדער ניט האָט דער מלך שוין אויסגע'הרג'עט אַלע דאָק־טוירים, אַלע שטערן־זעער, אַלע מכשפים און עס העלפט ניט. רופט זיך אָן דער אָרעמאַן:

— גייט זאָגט דעם מלך, אַז עס איז געקומען אַ מענטש פון אַ פרעמדער מדינה און ער קען זיך אונטערנעמען צו היילן די מלכה, אַז זי זאָל האָבן אַ קינד.

אַז די מענטשן האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט און מען האָט גלייך געלאָזט וויסן דעם מלך אַז עס געפינט זיך נאָך איינער וואָס זאָגט אַז ער קען אים העלפן.

האָט דער מלך געשיקט אַ קאַרעטע מיט דריי פּאָר פערד געשפּאַנט נאָשפּיץ און מ'האָט דעם אידן געבראַכט פאַר דעם מלך. דער מלך האָט אים באַטראַכט, האָט ער אים אַ פרעג געגעבן:

— ביסטו אַ דאָקטאָר?

— ניין, — ענטפערט דער אַלטעטשקער — גאָט איז אַ רופא חולים.

פרעגט אים ווידער דער מלך:

— ביסטו אַ שטערן־זעער?

ענטפערט דער אַלטעטשקער:

— גאָט שטעלט אויס די שטערן און גאָט לעשט זיי אויס.

— ביסטו אַ מכשף? — פרעגט דער מלך שוין אומרואיק.

זאָגט דער אַלטער:

— כשוף איז ניט קיין ריינע זאַך, מען טאָר אין דעם ניט גלויבן.

— וואָס־זשע דען ביסטו פאַרט? — שרייט דער מלך, און וויל שוין באַפעלן מען זאָל דעם אַלטן פאַרברענען לעבעדיקערהייט, ווייל ער האָט דעם מלך געמאַכט צום נאַר.

דערשרעקט זיך אָבער דער אַלטער ניט און ענטפערט:

— איך בין אַ איד!

דערהערט דער מלך דאָס וואָרט „איד" ווערט ער אַ דער־צאָרנטער און שרייט:

— אין מיינע מדינות געפינען זיך ניט קיין אידן, ווי האָסטו געוואָגט צו קומען אין מיין פּאַלאַץ?

ענטפערט דער איד:

— ווער ביסטו דען?

— איך בין דער מלך איבער הונדערט און זיבן און צוואנציק מדינות, און אַף מיין וואָרט וואַרטן באַדינער אָן אַ צאָל, און ווער עס רעט מיר איין וואָרט אַנטקעגן יענער ווערט באַלד געטויט.

שמייכלט דער אַלטעטשקער און זאָגט:

— אַדוני מלך! עס קען זיין, אַז דאָס וואָס דו האָסט ערשט געזאָגט, איז טאַקע אמת, נאָר איך האָב אַ שענערן און אַ גרעסערן און נאָך רייכערן מלך פאַר דיר, און אַז דו וועסט מיר שלעכטס טאָן וועט מיין מלך דיך באַשטראָפן.

געפעלט דאָס דעם מלך וואָס אַף דער וועלט געפינט זיך אַ נאַר, וואָס נעמט אַלע פרייהייטן צו רעדן פאַרן טויט וואָס ער וויל, אפילו אַנטקעגן אַ מלך און ער גיט אים אַ פרעג אַף שפּאַס:

— ווער איז דיין מלך, און וואו געפינט זיך ערגעץ זיין קעניגרייך?

ענטפערט דער אַלטעטשקער:

— מיין מלך איז דער מלך פון אַלע מלכים אין דער וועלט, און זיין קעניגרייך איז אין הימל און אַף דער ערד, זיין טראָן שטייט אין זיבעטן הימל גרייכט מיט די פיס צו דער ערד, זיינע מיניסטאָרן זענען די מלאכים און זיינע אונטערטאַנען זענען אַלע באַשעפע־נישן פון דער גאַנצער וועלט.

— דו רעדסט זייער קלוג — האָט דער מלך געענטפערט און האָט דעם אַלטעטשקן געבעטן זיצן און פרעגט אים ווייטער:

— ווי אַזוי משפט דיין מלך? איז ער אַ בייזער, אַ צאָרנ־דיקער, אָדער אַ גוטער, אַ ווייכהאַרציקער?

ענטפערט דער אַלטעטשקער:

— מיין מלך משפט מדה כנגד מדה, מיט שלעכטע איז ער שלעכט, מיט גוטע איז ער גוט.

— ווי אַזוי קענסטו עס מיר באַווייזן? — טענה'ט דער מלך.

— דאָס איז שוין באַוויזן — ענטפערט דער אַלטעטשקער — ביז איצט האָסטו אויסגע'הרג'עט די בעסטע, שענסטע זין פון דיינע מדינות, דערפאַר שטראָפט דיך גאָט און דו האָסט קיין קינדער ניט.

זאָגט דער מלך:

— באַווייז מיר נאָך אַ צייכן, אַז וואָס דו זאָגסט איז אמת.

גייט דער איד צו צום פענצטער, וואָס איז געווען אָפן און האָט אַרויסגעקוקט צום ים, און גיט אים אַ זאָג:

— ווי אַזוי רופט זיך דער ים?

— דער שוואַרצער ים — ענטפערט דער מלך.

זאָגט דער אַלטעטשקער:

— גיב נאָר אַ קוק, ווי זעט אויס דער ים?

גייט דער מלך צו צום פענצטער און גיט אַ קוק, ער גלויבט זיך זיינע אויגן ניט — בלוט רויט איז דער ים און ער זידט און קאָכט מיט אַ בלוטיקער שוים, אַז עס כאַפּט אים אָן אַ שווינדער־לעכער גרויל צו קוקן.

— זעסט — ענטפערט דער אַלטעטשקער — אַ ים מיט בלוט האָסטו אין דיינע מלוכות פאַרגאָסן, און דאָס בלוט קען זיך ניט איינשטילן ביז דו וועסט ניט חרטה האָבן, און תשובה טאָן.

דערווייל גיט דער מלך אַ קוק אין שפּיגל, זעט ער, אַז ער איז שוין אַלט, די האָר פון קאָפּ גרוי, דאָס פּנים געל און צעקנייטשט, הויבט ער אָן צו וויינען און פאַלט אַף די קני.

— ביז היינט — זאָגט ער צום אַלטעטשקן — האָב איך דיין מלך ניט געקענט, נאָר היינט קען איך אים שוין, און איך וויל מיט מיין גאַנצן האַרצן תשובה טאָן, אָבער איך בין שוין אַלט און וועל שוין אין גיכן מער ניט קענען קעניגן, ווען איך זאָל קענען לאָזן אַ יורש אַף מיין טראָן, וואָלט ער אפשר גוט געמאַכט דאָס, וואָס איך האָב איבערגעפירט, איז נאָך מעגלאַך, אַז איך זאָל האָבן אַ קינד?

באַ גאָט איז אַלעס מעגלעך — ענטפערט דער אַלטער.

און איידער דער מלך האָט זיך אומגעקוקט, איז דער איד ניט געוואָרן.

ו

אַז דער מלך איז געבליבן אַליין, איז ער געפאַלן אַף זיינע קני און האָט אויפגעהויבןביידע הענט צום הימל און האָט תפילה געטאָן אַזוי צו זאָגן:

פּיר־און־פּערציק

— גאָט אַלמעכטיקער, מלך פון אַלע מלכים, איך האָב געזינדיקט, ווייל איך האָב ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו קעניגן, איצט דערקען איך מיינע שלעכטע מעשים, גיב מיר אַ זון און איך וועל אים לערנען גיין אין דיינע וועגן, ער זאָל נאָר טאָן גוטעס צו די מענטשן.

און דערנאָך האָט דער מלך אויסגעטאָן זיין גאָלדענע קרוין און צעריסן זיינע פּורפּור זיידענע קליידער און האָט געפאַסט צען טעג און צען נעכט.

און אַז זיינע אָנגעשטעלטע האָבן אים געבראַכט צינז פון זיינע אונטערטאַנען, האָט דער קעניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל:

— דער הימל געהערט צו גאָט און די ערד צו די מענטשן. זאָלן די מענטשן באַאַרבעטן די ערד און לעבן רואיק און פרידלאַך, ווי גאָט האָט געבאָטן.

און די מאַמעס, וועמענס זין זענען געפאַלן אין מלחמות, די אַלמנות און די יתומים, האָט דער מלך געגעבן הייזער און פעלדער, שאָף און רינדער צו פאַרלייכטערן זייער שמערץ און צו פאַרגרינגערן זיי דאָס לעבן.

און אַז ס׳איז געקומען שניט־צייט, האָט דער מלך זיך אָנגעטאָן אין פּויערשע קליידער און מיט אַ שניט־מעסער אַפן אַקסל אומגעגאַנגען איבער די פעלדער און געאַרבעט פלייסיק מיט אַלעמען צוגלייך.

אַזוי איז פאַריבער אַ יאָר, צוויי און דריי, ביז דער מלך איז געוואָרן זער אַלט, און ער האָט זיך געמוזט לייגן צו בעט.

ער איז אָבער געלעגן רואיק און צופרידן. יעדן טאָג האָט ער געהאָפט צו הערן די גליקלאַכע בשורה, אַז די מלכה האָט אַ קינד געבוירן.

אַ טאָג פאַר זיין טויט, איז אַריינגעקומען אַן אַם און האָט אים צוגעטראָגן אַ קליין, שיין אינגעלע, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי פאַר אים געקניט און געזאָגט:

— אדוני מלך! די מלכה האָט דיר געבוירן אַ יורש פאַרן טראָן.

דער מלך האָט זיס געשמייכלט:

— זאָג דער מלכה, אַז גאָט האָט געגעבן!

פּינה־און־פּערציק

און דער מלך האָט געקושט דאָס קינד און איז רואיק איינ־געשלאָפֿן.

ווי ער האָט נאָר צוגעמאַכט די אויגן, איז דער אַלטעטשקער צוריק אויסגעוואַקסן אַנטקעגן אים:

— איצט — זאָגט דער אַלטער — איז געקומען אַ צייט, אַז דו זאָלסט איבערלאָזן פֿאַר דיין יורש אַ צוואה.

און דער מלך האָט זיך אויפֿגעכאַפּט.

ז

האָט דער מלך פֿאַררופֿן צו זיין קראַנקנבעט אַלע זיינע מיניסטאָרן, די קלוגסטע, געלערנטסטע און עלטסטע מענטשן פֿון זיין לאַנד, און האָט צו זיי געזאָגט:

— די צייט איז געקומען, ווען איך דאַרף זיך שיידן פֿון דער וועלט, און אַזוי ווי גאָט האָט מיך אַף דער עלטער געבענטשט אַ יורש פֿאַר מיין טראָן, וויל איך אים איבערלאָזן אַ צוואה, נעמט און שרייבט, וואָס איך וועל אייך הייסן.

האָט דער מלך גערעט און די מיניסטאָרן האָבן געשריבן:

„מיין קינד, זיי וויסן, אַז עס איז פֿאַראַן אַ גרעסערער מלך פֿאַר דיר, וואָס קעניגט איבער הימל און ערד, איבער אַלע באַשעפֿעניש, און דער מלך צאָלט מדה כנגד מדה, זאָלסט ניט פֿירן קיין מלחמות און ניט פֿאַרגיסן קיין בלוט, זאָלסט ניט אַרויסגעבן קיין טויט־שטראָף באַ דיין לעבן און אין שניט־צייט זאָלסטו גיין אין פֿעלד און אַרבעטן מיט אַלעמען גלייך און מער פֿאַר אַלעמען זאָלסט געדענקען, אַז אַ מענטש לעבט ניט אייביק, און אַ קעניג איז אויך אַ בשר ודם, היינט איז ער דאָ און מאָרגן אין קבר."

דער מלך איז אַנטשוויגן געוואָרן און די מיניסטאָרן האָבן אים דורכגעלייענט, וואָס ער האָט געהייסן אַנשרייבן אין זיין צוואה.

— וועט דער מלך איצט שוין אַרויפֿלייגן זיין זיגל? — האָט דער עלטסטער פֿון די מיניסטאָרן געפֿרעגט.

— נאָך איין זאַך וויל איך צושטעלן — האָט דער מלך געענטפֿערט:

„אַזוי ווי מיין הילף איז געקומען דורך מיין גלויבן און מיין גלויבן איז געקומען דורך אַ אידן, וויל איך, אַז אַלע מדינות זאָלן

עפּענען ברייט זייערע טויערן פאַר אַלע אידן און עס זאָל זיי געטאָן ווערן גרויס חסד, אַזוי לאַנג, ווי אין מיינע מדינות וועט קעניגן מיין קינד, אָדער קינד'ס קינד."

דערנאָך האָט דער מלך צוגעלייגט זיין זיגל און האָט זיך געהייסן אַריינרופן די מלכה מיט דעם יורש. ביידע זענען אַריינגעקומען און דער מלך האָט אַליין איבערגעלעזן זיין צוואה פאַר דער מלכה, האָט אַ קוש געטאָן זיין קינד און שטיל און רואיק איז ער איינגעשלאָפן אויף אייביק מיט אַ גליקלאַכן שמייכל אויף די ליפּן.

און אַלע אַלמנות און יתומים און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן דעם מלך באַגלייט צו זיין אייביקער רו און האָבן אים באמת באַוויינט, און זיין קבר האָבן זיי באַצירט מיט לאָרבער קראַנצן און קומענדיק צוריק פון דער לויה, האָט זיך דאָס פאָלק פאַר־זאמלט אַרום דעם קעניג'ס פּאַלאַץ און געשריען:

„דער קעניג איז טויט, ס'זאָל לעבן דער קעניג!"

און נאָך היינט צו טאָג אין יענע מדינות, לעבט נאָך אַ קינד'ס קינד פון יענעם מלך, וואָס פירט ניט קיין מלחמות, נאָר פירט זיך נאָך דער צוואה, און אַלע זענען גליקלעך, וואָס אַמאָל איז געווען אַ מלך.

זיבן־און־פערציק

דאָס צויבער שטעקעלע

א

אַמאָל איז געווען אַ איד מיט אַ אידענע, האָבן זיי געוואוינט אין אַ דאָרף אין אַ קליין שטיבעלע און כאָטש זיי זענען געווען זייער אָרעם, האָבן זיי דאָך געלעבט שטיל און צופרידן, ווייל זיי האָבן קיין סך ניט באַגערט.

יעדן פרימאָרגן פלעגט דער איד אויפשטיין גאַנץ פרי, אַרויסגיין אין וואַלד, אָנהאַקן האָלץ און צוריקקערן אַהיים מיטאַ ברכה אַף די ליפּן:

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, ס'וועט שוין זיין וואָרעם אין שטיבעלע.

און אַז די אידענע פלעגט צוגרייטן אַ קאָליש פון עטלעכע גריץ אַף אָנבייסן, האָט זי קיינמאָל ניט פאַרפעלט צוצוגעבן:

— געלויבט איז גאָט, וואָס פאַרלאָזט ניט!

און גייט אַמאָל אַן אָרעמאַן דאָס דאָרף פאַרביי, לויפט מען אים אַנטקעגן, מען פאַרבעט אים אין שטיבעלע אַריין אַף וועטשערע און נאָכט־לעגער, און צו מאָרגנס שטופּט מען אים אַריין אַ ברויט מיט ציבעלע אין טאָרבע און אַ פּאָר גראָשן אין האַנט, ס'זאָל אים קלעקן ביז אַ צווייטן דאָרף און מיט אַ ברכה באַגלייט מען אים:

— גייט געזונט, זייט מצליח!

אַזוי האָט דער איד מיט דער אידענע אָפּגעלעבט אַ סך מיט יאָרן, שאַ־שטיל, פרום און אָן זאָרג.

ב

איינמאָל אַף זיין געלעגער הערט דער איד ווי דאָס ווייב האָט אַ זיפץ געטאָן, רעט ער זי אוים:

— וואָס זינדיקסטו מיין ווייב? אמת, קיין נגידים זענען מיר ניט, אָבער פאַראַן גענוג האָלץ אין גאָט'ס וואַלד, און אַ שטיקל ברויט שיקט אויך גאָט צו. דאַרפסט ניט זיפצן.

— כ'ל דיר זאָגן דעם אמת, מיין מאַן, נאָר איינס וואָלט איך וועלן פועלן באַ גאָט, אַ קדיש אַף נאָכן טויט. וואָס וועט ווערן פון אונז איבער הונדערט יאָר, אָן אַ קדיש?

— גאָט פירט די וועלט, און ווי ער פירט אַזוי איז רעכט!
—ענטפערט דער מאַן.

אכט־און־פערציק

איינמאָל ווינטער איז דער מאַן, אַף זיין שטייגער אַרוים אין וואַלד אַריין נאָך אַ ביסל האָלץ. דער הימל איז געווען ריין און דער פראָסט האָט געברענט מורא'דיק שטאַרק, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ ווינט און אַ זאַווערוכע אַז עס האָט אים געציטערט דאָס לייב פאַר קעלט, נאָר דער איד גייט זיך זיין וועגס, דערשלעפּט זיך צום וואַלד, האַקט אַ בוימל נאָך אַ בוימל מיט פאַרשטאַרטע פינגער, ביז ער האָט מיט גרוים כּי קוים־קוים אָנגעקליבן אַ בינטל האָלץ און ער לאָזט זיך גיין א היים, נאָר דער וועג איז שוין געווען פאַרבלאָזן פון דער זאַווערוכע, גייט ער און גייט אַ שעה און צוויי און דריי, ער האָט שוין לאַנג געדאַרפט זיין אַרוים פון וואַלד, נאָר עפּעס אַ כישוף איז אים געשען, ער קען פון וואַלד ניט אַרוים. דערווייל דערהערט ער ווי עמיצער קרעכצט אַזוי שווער, אַזוי מורא'דיק:

— אוי, אוי, ראַטעוועט, האָט רחמנות!

דערקענט אַז דאָס איז אַ אידיש קול, פאַרגעסט ער אָן דער קעלט, ער פאַרגעסט אפילו אַז ער בלאָנדזשעט, נאָר לאָזט זיך גיין נאָכן קול נאָך, נאָך די קרעכצן. ער קומט צו, זעט ער ווי אונטער אַ באַרג מיט שניי ליגט אַן אַלטער איד, און קען פון באַרג שניי ניט אַרויסראַטשקען זיך, און פון קעלט איז קוים וואָס ער זשיפּעט נאָך.

נעמט ער מיט די פאַרשטאַרטע הענט און רייניקט און שאַרט אָפּ דעם שניי און דאַנקען גאָט, ער האָט דעם איאַן אַרויסגע־ראַטעוועט און זאָגט אים:

— שרעקט אייך ניט, גאָט פאַרלאָזט ניט, קומט מיט מיר, איך וואוין דאָ ניט ווייט אין דאָרף. איר וועט עפּעס איבערכאַפּן און איבערנעכטיקן וועט אייך אַרוים די קעלט פון די ביינער.

און אַזוי ווי ער רעט, זעט ער ווי דער הימל איז ווידער געוואָרן לויטער, עס פינקלען שוין שטערן און ער דערקענט שוין דעם וואַלד און דעם וועג. פירט דעם אידן פאַר איין האַנט און מיט דער אַנדערער דאָס בינטל האָלץ, און אָט זענען זיי שוין אַרוים פון וואַלד, אָט זעען זיך שוין פייערלעך פון דאָרפישע הייזלעך, אָט זענען זיי שוין לעבן דער היים. דאָס ווייב האָט זיך שטאַרק דערפרייט:

— שוין אזוי לאנג, אז דו ביסט אוועק. גוט כּאַטש, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט אַן אורח צו וועטשערע.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אָנגעוואַרעמט, אָפּגעגעסן און אַ געלעגער האָט מען אים געמאַכט אונטערן אויוון, און ער איז איינגעשלאָפן אין דער וואַרעם.

ד

אין דער פרי, מען שטייט אויף, דער אַלטיטשקער איז ניטאָ.

— אַן אַ גלעזל וואַרעמס, אַן אַ שטיקל ברויט, נעבעך אוועק, זאָרגט זיך די אידענע. אזוי ווי זי נעמט זיך פאַרבעטן דאָס געלעגער, געפינט זי אונטערן אַלטיטשקעס צוקאָפּנס אַ שטעקעלע, אַ קליין ווייס שטעקעלע, מיט אַ זילבערן גלאַנץ, כאָטש שפּיגלען זיך אין דעם. ווייזט זי דאָס דעם מאַן. זאָגט דער מאַן:

— דאָס האָט דער אַלטער אין איילעניש געמוזט פאַרגעסן. ער וועט מן הסתם באַלד צוריקקומען נאָך דעם. אָפּגעזאָגט, גייט ער אַרויס, אפשר וועט ער אים נאָך אָניאָגן, נעמט זי דערווייל דאָס שטעקעלע און לייגט עס אוועק אַף דער ערד אין אַ ווינקל לעבן בינטל האָלץ. אזוי ווי זי גיט זיך אַ דריי אַוועק הערט זי ווי עפּעס רודערט זיך אין ווינקל — קליפּ־קלאַפּ, קליפּ־קליפּ־ אַ וואונדער איז געשען: פון בינטל האָלץ איז אַרויסגעוואַקסן אַ וואַנט מיט האָלץ ביזן סטעליע!

— גאָט'ס וואונדער, ניט אַנדערש, אַז דאָס איז אַ צויבער שטעקעלע, טראַכט זיך די אידענע, הויבט עס אויף און אזוי ווי זי שטייט לעבן טאָרבעלע מיט גריץ און דאַרף נעמען אַ זשמעניע גריץ אַף אָנבייסן, גיט זי דאָס שטעקעלע אַ ריר אַן אין טאָרבעלע, הויבט דאָס טאָרבעלע אָן וואַקסן און וואַקסן, ביז עס שטעלט זיך אוועק אַ זאַק מיט גריץ פון דער ערד ביזן סטעליע!

דאַנקען גאָט! ס'וועט שוין זיין האָלץ אַף אַ גאַנצן ווינטער און גריץ פאַר אַ שאָק מיט אָרעמעלייט, צום באַטיילן! פרייט זיך די אידענע. נאָר ווי גיט מען זיך אַן עצה, מיטן שטעקעלע? אזאַ שטעקעלע דאַרף מען היטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

גייט זי און לייגט עס אַריין אין קופערט וואו עס ליגן די פּאָר זילבערנע לעפל, גאָפּל מעסער וואָס זי האָט נאָך פון דרשה־געשאַנק צו איר חתונה.

פופציק

אזוי ווי דאָס שטעקעלע האָט זיך נאָר אָנגערירט אָן גאָפּל, מעסער, האָט עס אָנגעהויבן צו קלינגען און רינגען און פּאָר אירע אויגן איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג מיט גאָפּלען און מעסערס לעפל און לעפעלעך, ווי גרויס דער קופּערט איז געווען אַזוי פיל זילבער האָט זיך אָנגעפּולט.

— גאָט, נאָר אַף אידישע שמחות, ברית׳ן און חתונות עס צו פאַרנוצן, — ווינטשט זיך די אידענע און לייגט נאָך צו: זיכער איז עס אַ וואונדער־שטעקעלע, אַ צויבער־שטעלעקע. וואו אַ שטייגער קען מען פּאָרט באַהאַלטן אַזאַ מין שטעקעלע?

אין אַ שופלאַד איז בײַ דער אידענע געלעגן אַ קניפּל מיט עטלעכע זילבערנע און קופּערנע גראָשן, פון זיי פלעגט זי טיילן צדקה צו אָרעמע לייט, גיט זי אַ טראַכט: אָט לעבן דידאָזיקע עטלעכע גראָשן איז יאָ אַ פּלאַן דאָס שטעקעלע אַוועקצולייגן. נאָר וואַרט, — זאָל זי נאָר גוט באַטראַכטן: צו וואָס טויג איר דאָס גאַנצע עשירות, אַז זי איז אַן עקרה. קיין קינד — קיין רינד. איז איידער זי לייגט אַוועק דאָס שטעקעלע צווישן די קופּערנע מטבעות, גיט זי אַ זאָג:

— רבונו של עולם, טאָמער איז מיר באַשערט רייכקייט און אַל־דאָס־גוטס אַף דער עלטער, בעט איך דיך, גיב זשע מיר אַ זון אַ קדיש, וואָס זאָל דיין תורה לערנען און דיין נאָמען לויבן, און דערנאָך, אַז דו וועסט מיר וועלן געבן עשירויי וועל איך דערמיט גרויס צדקה טאָן, און ווען ניט, וועל איך אויך דיין נאָמען אייביק בענטשן, נאָר טאָמער, חס ושלום איז מיר קיין קינד ניט באַשערט, בעט איך דיך, גרויסער גאָט, גיב מיר ניט קיין עשירות, ווייל איך וועל עס אין קבר סיי ווי סיי ניט מיטנעמען. און אַזוי ווי זי האָט געענדיקט האָט זי אַוועקגעלייגט דאָס שטעקעלע לעבן דאָס ביסל מינץ און עס האָבן זיך אָנגעהויבן קייקלען אַלערליי מטבעות, קופּער און זילבער און גאָלדענע רענדלעך און דוקאַטן, אָן אַ שיעור, אָן אַן ערך.

און אַפן האַרצן איז איר געוואָרן אַזוי גרינג, זי האָט דער־פילט, אַז גאָט אין הימל האָט איר תפילה דערהערט.

דערווייל האָט זיך געעפנט די טיר און איר מאַן, איניינעם מיטן אַלטיטשקען זענען אַריינגעקומען פון גאַס. לויפט זי זיי אַנטקעגן, דערציילט זיי גאָט׳ס וואונדער, און וויל זיי ווייזן דאָס

שטעקעלע. — ערשט דאָס שטעקעלע איז נעלם געוואָרן. רופט זיך אָן דער אַלטיטשקער:

— וואָס טויג אייך דאָס שטעקעלע, ווען אין אייער האַרץ איז דאָ אַזאַ שטאַרקער בטחון?

— פאַר אייער בטחון האָט אייך גאָט געבענטשט מיט אַזוי פיל עשירות און האָפט ווייטער, טוט צדקה און ווען אייער זון וועט וואַקסן פלאַנצט איין אין זיין האַרצן די מדה פון בטחון צו גאָט און רחמנויי צו אָרעמע לייט און — מזל טוב אייך!

ה

אַ צווייטן מאָל איז דער אַלטער פאַרשוואונדן. דער איד מיט דער אידענע זענען אויפגעריכט געוואָרן. עס איז בּאַ זיי געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס איז געוואַקסן אין עושר און כבוד, און ביז אין פערטן דור האָט דער איד מיט דער אידענע געלעבט און זיי האָבן זייערע אייניקלעך כסדר דערציילט דאָס מעשה׳לע פון דעם צויבער שטעקעלע.

צוויי ברידער

א

אמאָל זיינען געווען צוויי ברידער, אַ רייכער און אַן אָרעמער. דער אָרעמער האָט געהאט א סך קינדער און דער רייכער האָט גאָר קיין קינדער ניט געהאט. דער אָרעמער האָט געוואוינט אין אַ פּיצעלע שטיבעלע הינטער'ן שטאָדט און דער רייכער אין אַ גרויסן פּאַלאַץ מיט אַ שיינעם גאָרטן פול מיט רויזן און קוויטן אַרום פּאַלאַץ.

דער רייכער האָט פאַרמאָגט אַ סך משרתים מיט דינסטן, און דער אָרעמער איז געווען אַ משרת ביי אַן אַנדערן און פלעגט אפילו טראָגן ציגעל און קנעטן ליים—אַבי צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט.

דעם רייכנ'ס ווייב האָט זיך געבאָדן אין כל טוב, אין עושר און אין כבוד און דעם אָרעמענ'ס ווייב האָט תמיד געוואַשן וועש. ביי טאָג פרעמדע און ביינאַכט אייגענע.

און אַז ס'איז געקומען אויף דער נאַכט האָט ביי דעם רייכן אין פּאַלאַץ געברענט אַ סך גרויסע לאָמפּן און מען האָט געגרייט אַ שיינעם טיש מיט אַ רייכער וועטשערע און ביים אָרעמען האָט געצאַנקט אַ קליין קאַניצל אין אַ ווינקעלע און וועטשערע איז געווען אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט וואַסער.

דער אָרעמער ברודער האָט דעם רייכן ליעב געהאט נור ער האָט זיך פאַר אים ניט געוויזן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט, אַז דער רייכער זאָל מיינען אַז ער איז אים מקנא.

דער רייכער איז צו דעם אָרעמען אויך ניט געגאַנגען, אויס מורא אַז ער וועט אים דאַרפן טאָן טובות.

— אַ לעבערדיקען זאָק קען מען ניט אָנפילן, האָט ער זיך געטראַכט.

און אַזוי איז אַוועק אַ שטיק צייט, און זיי האָבן זיך פאַרגעסן איינער אין דעם צווייטן.

ב

ויהי היום. קומט אַמאָל דער רייכער אַהיים צו וועטשערע, די לאָמפּן ברענען אַלע, דער טיש איז געשפּרייט, דאַכט זיך, עס דאַרף

דריי־און־פופציק

זיין ליכטיק, דאָס ברויט אין די פּיש, דער ווײַן אין דאָס פלייש אויפ׳ן טיש, עס דאַרף פּינקלען און שמעקן אַ מחיה.

נור אַ כשוף, עס איז ניט ליכטיק, ניט פרייליך, עס פעלט עפּעס!

דאָס ווייב זיצט ביים טיש אין אַ זיידן קלייד און וואַרט, אַז דער מאַן זאָל זיך זעצן עסען, נור ער דרעהט זיך און טאַפּט די ווענט.

— פאַר וואָס איז ניט ליכטיג? פרעגט ער דער ווייב.

— עס ברענען אַלע לאָמפּן! ענטפערט זי אים, און פאַרשטייט ניט, וואָס אים איז געשיין, וויל זי אים באַרוהיגן, גיט זי אים אַ זאָג:

— אפשר קלעמט דיר דאָס הארץ, זעץ זיך עסן.

זעצט ער זיך עסן, שטעלט זיך אים דער ערשטער ביסן אין מויל, און וויפיל ער מאַטערט זיך ניט, דעם ביסן אַראָפּשלינגען, קען ער ניט, ווערט ער שוין בייז און צושרייט זיך:

— דאָס עסן האָט ניט קיין ברעקל טעם, ניט אין מויל צו נעמען!

פאַרענטפערט זיך דאָס ווייב:

— מען דאַרף בייטן די קעכין, זי האָט היינט צוויי טעלער אויך צובראָכן! און זי רעדט אים איין.

— טרינק אַביסל וויין, וועסטו קענען עסן.

נעמט ער אַ טראָפּן וויין אויף דער צונג, גאַל, חלשות און ער וואַרפט דאָס גלעזל צו דער ערד.

— ס׳שלאָגט צום האַרצן!

ווייסט דאָס ווייב שוין ניט ווי אַזוי אים צו באַרואיקן, זאָגט זי אים:

— ביסט היינט ניט מיט אַלעמען, גיי לייג זיך שלאָפן. וועסט אויפשטיין וועסטו זיך פילן בעסער.

פאָלגט ער זי און גייט זיך צולייגען, און ער קאַטשעט זיך פון איין ברעג בעט צום אנדערן, דרייט זיך אויף אַלע זייטן, נאָר ביז אין דער פרי, קען ער אפילו מיט קיין אויג ניט צומאַכן.

ג

אַזוי גייט אַוועק אַ וואָך, אַ חודש, אַ יאָר, ער עסט ניט, ער טרינקט ניט, ער שלאָפט ניט, איינמאָל האָט גאָט געהאָלפן, ער האָט אַ דרעמל געטאָן, איז די באָבע צו אים אין חלום געקומען און האָט אים געזאָגט:

פּיר־און־פּופּציק

— זון מיינער, איך האָב פאַר דיר אַ רפואה: אז עס וועט נאַכט ווערן זאָלסטו ארויסגיין פון שטאָדט מיט די זייטיקע געסלאַך און אזוי זאָלסטו גיין און גיין, ביז דו וועסט ארויס פון שטאָדט, וועסטו שוין מער ניט זען ווי פעלד. זאָלטו גיין און גיין איבערן פעלד, ביז דו וועסט דערזען אַ קליין שטיבעלע מיט אַ שטרויענעם דאַך.

ער הערט זיך איין צו דער באָבעס רייד, ער וואָלט וועלן הערן וואָס דער סוף וועט זיין. ווי אזוי וועט ער די רפואה באַקומען— נאָר ער כאַפּט זיך אויף.

דערציילט ער קיינעם גאָר ניט און ער ציילט די מינוטן, ס'זאָל שוין נאַכט ווערן.

גאָט האָט געהאָלפן ס'איז נאַכט געוואָרן, גייט ער און פאַרלאָזט די שטאָדט, ער איז שוין אין פעלד, ער גייט און גייט, ביז ער האָט דערזען אַ פּיצעלע שטיבל מיט אַ שטרויענעם דעכעלע, פּונקט ווי די באָבע האָט אים אויסגעמאָלט, שטעלט ער זיך אונטערן פענסטער און ער זעט אין אַ ווינקל פון שטיבל צאַנקט אַ קליין לעמפּעלע, נאָר וואונדערליך, דאָס שטיבעלע באָדט זיך אין ליכט.

אָפּנים, אז אימיצער האָט אים דערזען, ווייל ער הערט ווי מען רופט אזוי פריינטלאַך: קומט אריין, קומט, מען שלאָפט נאָך ניט.

ער גייט אריין זעט ער ווי אַ ווייבל שטייט מיט אַ פאַרטוך ברויט, שווארצע ראָזעווע ברויט לעבן אַן עמער וואַסער, ארום אַ קופּע קינדערלאַך און זי טוולט יעדן קינד אַ רייפטל ברויט מיט אַ קווערטל וואַסער.

אזוי ווי ער שטייט און וואונדערט זיך, האָט אים דער אָרעמער ברודער דערקענט, כאַפּט ער אים אַרום און ער הויבט אים אָן האלזן און קושן.

— טייערער ברודער, זיסער ברודער, ליבער ברודער!

און ער בעט אים זיצן.

— „ס'אַר'אַ אָנגעלייגטער גאַסט" און מען דערלאַנגט אים אויך אַ רייפטל ברויט מיט אַ קווערטל וואַסער.

— „ווער קען עסן?" ענטפערט דער רייכער, „איך האָב ערשט געגעסן וועטשערע." מחמת ער שעמט זיך זיינע צרות צו דערציילן, ער קוקט נאָר און גאַפט, ווי אזוי מענטשן זיצן און שלינגען טרוקן ברויט מיט אזא חשק און גיסן אין זיך וואַסער, פּשוטע וואַסער.

פינף־און־פופציק

— איך מוז בא דיר עפּעס פרעגן, גיט ער אַ זאָג צום ברודער.

— מיט פאַרגעניגן, פרעג, ענטפערט דער ברודער.

— אַזאַ קליין נישטיק לעמפּעלע ביי דיר און איך קען זיך ניט אָפּוואונדערען פאַר וואָס ס'דאַ אַזוי ליכטיק, אַ מחיה!

—„ווי גרוים איז דאָס גאַנצע שטיבעלע?" ענטפערט דער ברודער:

— אַ קליין שטיבעלע, אַ קליין לעמפּעלע.

גייט דער רייכער אַהיים, זעט ער ווי אַלע לאָמפּן ברענען, נאָר ס'איז שטאָק פינסטער, זאָגט ער דער ווייב:

— היים דעם משרית אויסדרייען אַלע לאָמפּן, סיי ווי זעט מען גאָר ניט.

אליין איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַן אויבערשטן קעמערל אויפן בוידעם און האָט אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּעלע, איז אים באַלד ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

ד

אַז דאָס ווייב האָט געזען, אַז ער איז ניטאָ אין זאַל, איז זי אים געלאָפן זוכן. זי קומט אין שפּייז-צימער, זי מאַכט ליכטיק, ער איז ניטאָ, זי זוכט אים אין קאַבינעט-ניטאָ, געהט זי אין שלאָף־צימער, ניטאָ, אין גאָרטן, ניטאָ. טראַכט זי זיך:

— אפשר גאָר אין אויבערשטן קעמערל, אויפן בוידעם? קומט זי אַריין אין דעם קעמערל, עס ברענט אַ קליין לעמפּעלע, קוים וואָס עס צאַנקט און ער זיצט אויף דער ערד אין אַ ווינקל, לאַכט זי פון אים.

— אונטן אין די פּאַלאַצן זיינען דאָ אַזוי פיעל לאָמפּן, שרייסטו אַז דיר איז פינסטער, און דאָ אויפן בוידעם, ביי דעם פאַרויכערטן קאַניצן, איז דיר ליכטיקער?

— „יאָ", ענטפערט ער, דאָ איז ליכטיקער.

און וואָס זי צורעדט ניט מיט אים, ער זאָל אַרונטער גיין, קען זי בא אים ניט פּועלן.

— אָבער עסן מעגסטו דאָך גיין! טענה'ט זי צו אים.

— וואָס האָסטו צום עסן? פרעגט ער זי.

— וויים ברויט געפּרעגלט אין אייער, העלזעלאַך פון טייבע־לאַך און לעבערלאַך.

— ניין, ענטפערט ער, דאָס וויל איך ניט.

זעקס־און־פופציק

— אפשר אַ פּליגעלע פון אַ קאַטשקעלע, אָדער אַ שטיקל ביילק?

— ניין.

נו, איז פאַראַן אַ שיסעלע אויבערשטע סמעטענע מיט אַ גלאָז פרישע מילך.

ניין, און ניין, וואָס זי רעכנט אים ניט אויס פון דאָס שענסטע און בעסטע, רירט ער זיך ניט פון אָרט, ביז זי ווערט ברוגז און שרייט אויף אים אָן.

— ניט אַנדערש, נאָר דו ביסט משוגע געוואָרן, און זי גיט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און לאָזט אים איבער אויפן בוידעם.

ה

זיצענדיק אין קאַמערל אויפן בוידעם איז ער איינגעשלאָפן. קומט אים די באָבע אַ צווייטן מאָל צו חלום.

— גיי מיין קינד. גיי, זאָגט זי אים, גיי אין דעם קליינעם שטיבעלע דאָרטן אויפן פעלד, וועסטו האָבן די רפואה. און ער כאַפּט זיך אויף.

קומט פאַרנאַכט, גייט ער ווידער אַרויס פון שטאָדט און גייט אַזוי ביז ער איז ווידער געקומען צו דעם קליינעם שטיבעלע, דער־פרייט זיך ווידער דער ברודער מיט אים.

— טייערער ברודער, זיסער ברודער, ליבער ברודער, ס'אַ גאַסט!

און אַזוי ווי דאָס ווייב טיילט די קינדער ברויט מיט וואַסער, פאַר וועטשערע, פרעגט זי אים:

— אפשר וועט איר היינט האָטש עסן מיט אונז?

קען ער שוין ניט פאַרלייקענען און ענטפערט:

— יאָ, היינט וועל איך טאַקע עסן מיט אייך!

און זי דערלאַנגט אים אויך אַ קווערטל וואַסער מיט אַ רייפטל שוואַרצן ברויט, ער נעמט אַ ביסן אין מויל—צוקערלעקאַך דאַרף גאָר קיין בעסערן טעם ניט האָבן. ער עסט מיט חשק, ער שלינגט דאָס ברויט און דערקוויקט זיך דאָס האַרץ. אַז זיי פאַרקוקן זיך, נעמט ער אַ רייפטל ברויט און באַהאַלט אין קעשענע, ער טרינקט אַביסל וואַסער—שאַמפּאַניער האָט ניט אַזאַ געשמאַקן זאַפט אין זיך, טעם גן עדן!

זיבן־און־פופציק

אַפּגעגעסן קען ער זיך ניט אנהאַלטן און גיט אַ זאָג צום ברודער:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך ווייס ניט ווי אַזוי קומט אַזאַ געשמאַקער טעם אין דעם ברויט מיט וואַסער?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט, ברודער'ל, ענטפערט דער אָרעמער, אַט דאָס פאַרדינען מיר, אַט דאָס פאַרלעבן מיר. דאַנקן גאָט דער־פאַר.

גייט ער שוין אַהיים. ער קומט אַריין, דער טיש איז געגרייט, נאָר דאָס ווייב איז ניטאָ.

— וואו איז די בעל הבי"טע? פרעגט ער בא דער דינסט. ענטפערט זי אים, זי ליגט צו בעט.

גייט ער שוין אַריין צו איר אין שלאָפצימער און גיט אַ פרעג:

— וואָס זשע, ביזט שוין אויך קראַנק?

יאָ, מיין מאַן! ענטפערט זי אים, איך בין דיר שוין צו גלויבן געקומען, עס איז מיר פינסטער אין די אויגן, איך זע ניט די ליכטיקע וועלט, צוועלף לאָמפּן האָב איך שוין געהייסן צינדן און עס העלפט ניט. גיט ער איר אַ זאָג:

— אַנו, קום מיט מיר?

און ער פירט זי אַריין אין דעם קעמערל, וואָס אויפן בוידעם און צינדט אָן דאָס קליינע לעמפּעלע און גיט איר אַ זאָג:

— און אַצינד זעסטו?

— יאָ, אַצינד זע איך! און זי רייבט זיך די אויגען פאַר־וואונדערט.

— בין איך שוין הייסט עס ניט משוגע?

— ניט אַנדערש, זאָגט זי, סיידן מיר זיינען ביידע משוגע, אָדער ס'איז אַ כשוף.

— און עסן ווילסטו? פרעגט דער מאַן.

יאָ, ענטפערט זי, אָבער איך קען ניט, דער ביסן קריכט ניט אין האַלז אַריין.

שלעפּט ער אַרויס פון קעשענע דאָס שטיקל ברויט און דער־לאַנגט איר.

— נאָ, עס.

— וויל זי דאַרויף ניט קוקן.

— ס'שוואַרץ ווי סאַזשע, און דאַר ווי אַ שפּאָט! טענה'ט זי, ווי נעמט מען אַזעלכעס אין מויל אַריין?

— נעם עס און רעד ניט, זאָגט ער איר.

אַכט־און־פופציק

זי נעמט עסן, עס עסט זיך און ס׳געשמאַק און באַטעמ׳ט.

— שוין לאַנג, זאָגט זי, אַז איך האָב אַזאַ טעם אין קיין עסן ניט געפילט.

און זי דערמאָנט זיך, מיידלווייז, כלה׳ווייז אַז די באָבע האָט נאָך געלעבט, פלעגט זי מאַכן אַזעלכע קאַרזשיקלאַך, זי באַלעקט זיך.

אפשר נאָך אַ שטיקל?

— ניין, מער האָב איך ניט, ענטפערט ער.

— איצט, קום שלאָפן, זאָגט זי אים. גייען זיי צוריק אַרונטער, ליגן ביידע אַ שעה, צוויי און דריי, דער זייגער איז שוין צוועלף, אַנטרונען געוואָרן דער שלאָף, רופט ער זיך אָן צו איר:

— ווען דו פוילסט זיך ניט, מאַך איך מיט דיר איצט אַ שפּאַציר.

— נאָך האַלבע נאַכט?

— אַז שלאָפן קענען מיר סיי ווי סיי ניט, ענטפערט ער.

זי האָט ניט געוואָלט, ניט געוואָלט און האָט זיך אָנגעטאָן. פירט ער זי מיט זייטיקע שמאָלע געסלאַך, אַרויס דער שטאָדט.

— אין מיין לעבן—זאָגט זי, בין איך דאָ ניט געווען, ווער וואוינט דאָ?

— מענטשן!

— אַזעלכע ווי מיר?

— אפשר ניט אַזעלכע רייכע ווי מיר זענען, ענטפערט ער, דערווייל קוקט ער זיך אום, דערקענט ער שוין דעם ברודער׳ס שטיבעלע, גיט ער איר אַ זאָג:

— זעסטו, מיין ווייב, דאָ וואוינען גליקלאַכע מענטשן.

וואָס זשע, נאָך רייכערע פאַר אונז? וויל זי טרעפן.

— יאָ.—פירט ער זי צו אונטער׳ן פענסטער און זאָגט איר:

— דו הערסט ווי מען כראָפּעט, אינווייניג? אָט דאָס הייסט געשלאָפן, און הנאה געהאַט פון דעם לעבן אויף דער וועלט!

— ווער זשע פאַרט, וואוינט דאָ? ווערט זי ניינעריק.

— מיינער אַ ברודער, מיט אַ ווייב, מיט אַכט קינדער.

— אין אָט דער כאַטקע?

— יאָ, ענטפערט ער איר, צען מענשן שלאָפן איצט דאָ, און אַלע זיינען פריש און געזונט!

— מוז איך מאָרגן גיין און אַ קוק טאָן! און זיי גייען צוריק.

ניין־און־פופציק

אזוי ווי ס׳נאָר טאָג געווארן, האָט זיך דאָס רייכע ווייבל ניט געקענט דערוואַרטן, און איז אַליין אַוועקגעלאָפן צוריק אַ קוק טאָן, וואָס ס׳טוט זיך אין שטיבעלע.

זי קומט צוגיין, די טיר שטייט אָפן, קינדער, האַלב נאַקעטע, באָרוועסע, שפּרינגען אַרום און טאַנצן אין דרויסן און שעפּן נחת, וואָס די פֿייגעלאַך צושלעפּן די שטרויעלאַך פֿון דאַך, און אַלע קינדערלאַך, אַזעלכע שיינע, געזונטע, פֿרישע מיט פּאַרביקע בעקעלאַך, און רונדע שיינע מײַלכעלאַך און געגרייזלטע קעפּעלאַך.

איין קינד האַלט אַ שטיק ברויט און אַרום אים, שטייען דריי קלענערע פּאַר אים און ער טיילט זיך מיט זיי. דעם אַ ביסן, יענעם אַ ביסן און זיך אַ ביסן. גיט זי אַ פֿרעג:

— קינדערלאַך, וואו איז אייער מאַמע?

— בײַ דער אַרבעט, ענטפֿערן אַלע מיט אַמאָל.

— וואָס אַרבעט זי?

— זי וואַשט וועש!

בלײַבט בײַ איר אַז זי וועט קומען שפּעטער.

זי קומט אַ היים, טרעפֿט זי די וועשין. זי קוקט זיך אײַן אין איר פּנים, לויטער, שיין, פֿריש און געזונט, בלוט שפּריצט איר פֿון די באַקן, דערקענט זי, אַז דאָס איז די מאַמע פֿון די קינדערלאַך, ווייס זי ניט, צי איז דאָס אַ חלום אָדער זי זעט דאָס טאַקע אויפֿן וואָר, נאָר אײדער זי קומט צו זיך, איז די וועשין שוין אַוועק אַהיים.

זי האָט קוים דערלעבט ס׳זאָל נאַכט ווערן, קומט דער מאַן אַהיים, גיט זי אים אַ זאָג:

עסן איז ניטאָ וואָס, שלאָפֿן קען מען ניט, קום ווע̇לען מיר גייען צום שטיבעלע.

גייען זיי ביידע פֿון שטאָדט אַרויס, זעט שוין די פֿרוי אויך, אַז דאָס ליכט שײַנט אַרויס פֿון שטיבעלע מיט אַזאַ העלער שיין, פֿריילאַך, אַ מחיה צו קוקן, זיי קומען אַרײַן, דערפֿרייט זיך ווידער דער ברודער:

— טייערער ברודער, זיסער ברודער, ליבער ברודער!

די רייכע פֿרוי דערזעט די אָרעמע פֿרוי ווי יענע שטייט, טיילט די קינדער עסן און אַלע וואַרטן מיט פֿריילאַכע פּנים׳ער, מיט אויסגעשטרעקטע הענטעלאַך אויף אַ רייפֿטל ברויט מיט אַ קווערטל

וואַסער, דערקענט זי איר וועשין און לאָזט אַראָפּ דאָס פּנים פאַר בושה.

נאָר די אָרעמע פרוי בעט זי זיצן.

— וואָס גאָט האָט געגעבן, זאָגט זי, וועט זיין אין איינעם.

און זי זעצט זיי ביידן אוועק, גיט זיי עסן און טרינקען און די רייכע עסן און קוויקן זיך.

נאָכ׳ן עסן גיט די רייכע אַ זאָג:

— פאַר וואָס עסט זיך דאָ מיט אַזאַ אַפּעטיט?

— ווייל מיר אַרבעטן זיך גוט אָן פאַרן עסן, ענטפערט די אָרעמע און לאַכט.

— און פאַר וואָס איז בא אייך אַזוי פריילאַך? פרעגט ווידער די רייכע.

די קינדערלאַך, זאָלן געזונט און שטאַרק זיין, ענטפערט די אָרימע, וואָס קען נאָך מאַכן שענער און פריילאַכער אַ הויז, אויב ניט קינדער?

דערווייל האָט אויסגעבראָכן אַ שטורם מיט אַ גוס רעגן האָבן זיי געמוזט בלייבן נעכטיקן.

די אָרעמע האָבן פאַר די רייכע געמאַכט אַ געלעגער אויף דעם הילצערנעם בעטל. דאָס איינציקע וואָס ס׳געווען, און אליין האָבן זיי זיך געלייגט אויף דער ערד מיט אַלע קינדער, אויף אַ קופּע שטרוי איבערגעשפּרייט מיט אַ וואַרעמע און דאָס אָנטון צו קאָפּענס, ס׳האָט ניט געדויערט קיין סך און אַלע האָבן אָנגעהויבן כראָפּן, אפילו די רייכע זוונען באַלד איינגעשלאָפן.

ז

אין מיטן דערנאַכט האָט די רייכע עפּעס אַ חלום געהאַט, אַ שיינער חלום, אַ וואוילער חלום, נאָר זי האָט זיך אין מיטן חלום אויפגעכאַפּט און פאַרגעסן.

ווי זי וואַרפט זיך דורך, דערזעט זי, ווי די אָרעמע פרוי שטייט שוין אויף און גייט צו צו יעדענס צוקאָפּנס, גיט יעדן קינד אַ קוש, און נעמט פון אים אַרונטער דאָס לייבעלע און ציט אַרויס פון אונ־טערן צוקאָפּנס דאָס אָנטאָן, און די קינדער הערן אפילו ניט, נור שלאָפן געשמאַק.

דערשרעקט זי זיך און גיט אַ געשריי.

— וואָס טוסטו?

— שרעקט זיך ניט, ענטפערט די אָרעמע, ביז זיי וועלן אויפ־

שטיין, וועלן זיי צוריק האָבן די העמדעלאַך אויף זיך און דאָס אָנטון צוקאָפּפענס.

און אַזוי ווי זי רעדט, שטעלט זי זיך אוועק איבער אַ באַליע העמדלאַך און וואַשט און דרייט און לעגט טריקענען, און אַלץ אַזוי געטריי, אַזוי שנעל, ווי אַ מאַמע קען.

אַז דער רייכער ברודער איז איינגעשלאָפן איז אים די באָבע ווידער געקומען צו חלום און זאָגט אים:

— קינד מיינס, האָסטו געזען ווי לייט לעבן?

— יאָ, באָבעניו, ענטפערט ער איר.

— נו, וועמען איז בעסער?

וויל ער איר ענטפערן און פרעגט אַן עצה נאָר ער קען ניט רעדן, און די באָבע שטייט אַנטקעגן, ווי אַ לעבעדיקע מיטן פרום פּנים, פול מיט קנייטשעלאַך, וואָס גיבן איר צו דעם זיבעטן חן און זי זינגט אים אין אויער אַריין:

— איין גאָט האָט אייך באַשאַפן!

— איין מאַמע האָט אייך געטראָגן!

— איין ברוסט האָט אייך געזויגן!

און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע, און צום סוף גיט זי אים אַ זאָג:

— היינט, אַז דו וועסט וועלן, וועסטו האָבן די רפואה, און זי ווערט ניט און ער כאַפּט זיך אויף.

ח

דער ברודער איז שוין אָנגעטאָן, פאַרטיק צו דער אַרבעט.

— וואוהין גייסטו, אַזוי פרי?

— אַרבעטן, ברודער, ענטפערט ער און שמייכלט.

— וואָס איז דיין אַרבעט? פרעגט ער אים.

— כ'טראָג ציגל און בוי הייזער.

טראַכט און טראַכט, דער רייכער און גיט אַזאָג:

— אפשר וועסטו היינט גיין צו מיר אַרבעטן?

— אויך רעכט, ענטפערט דער אָרעמער.

גייט דער רייכער און פירט אים אוועק צו זיך און ווייזט אים זיין פּאַלאַץ, ער פירט אים אויס אַלע קעמערלאַך און פרעגט אים:

— אַזאַ פּאַלאַץ קענסטו אויפשטעלען?

— יאָ, ענטפערט דער אָרעמער, „עס איז מיר ניט דאָס ערשטע מאָל," נאָר עס דאַרף קאָסטן אַ פאַרמעגען.

— דאָס מאַכט ניט אויס, ענטפערט דער רייכער, נעם זשע און שטעל זיך אַרבעטן, איך וועל דיר אויך העלפן, דו קענסט מיר אויסלערנען.

צוויי־און־זעכציק

קען אָבער דער אָרעמער קיין עולות ניט פאַרליידן, רופט ער זיך אָן: זאָלסט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, ליבער ברודער. קיין קינדער האָסטו ניט, בסך הכל זענט איר צוויי נפשות, צו וואָס דאַרפסטו נאָך א פּאַלאַץ?

דערמאַנט זיך דער רייכער פלוצלונג דאָס לידעלע וואָס די באָבע האָט אים אין חלום געזונגען און ער גיט א זאָג:

— איין גאָט האָט אונז באַשאַפן!

— איין מאַמע האָט אונז געטראָגן!

— איין ברוסט האָט אונז געזונגן!

און ער פאַלט דעם אָרעמען ברודער אויפן האַלז און קושט אים, און גלעט אים און צוואוויינט זיך פאַר שמחה:

— טייערער ברודער, זיסער ברודער, ליבער ברודער!

דער אָרעמער שטייט ווי פאַרשטיינערט, ער גלויבט זיך ניט די אויגן, נאָר דער רייכער רעדט ווייטער:

— אין קבר וועל איך דאָס ניט מיטנעמען, דו האָסט אַ שטוב מיט קינדערלאַך, לאָמיר לעבן אינאייינעם, אַז מיר וועלן אויפשטעלן נאָך אַזאַ פּאַלאַץ, טו מיר צוליב מיין ברודער.

באַלד קומט אויך אָן די רייכע פרוי און פירט די אָרעמע אונ־טערן אָרעם, מיט אַלע קינדערלאַך און רופט זיך אָן צו איר מאַן:

— וואָס וועלען מיר דאָ טאָן אליין? עלענד ווי אַ שטיין, אָן אַ קינד אָן א רינד אויף דער גרויסער וועלט. זאָלן זיי וואוינען מיט אונז אינאייינעם, וועט באַמש זיין פריילאַכער, און זי ענדיקט— כ'האָב טאַקע געזען היינטיקע נאַכט די באָבע אויך אין חלום, אַ יאָ סאַ גוטער סימן?

אַזוי ווי די קינדער האָבען דערזען דאָס שיינע פּאַלאַץ מיט די שיינע קווייטן, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט און פאַר גרויס שמחה האָבן זיי זיך גענומען אַלע פאַר די הענטלאַך און האָבן אָנ־געהויבן טאַנצן און זינגען:

— איין גאָט האָט אונז באַשאַפן!

— איין מאַמע האָט אונז געטראָגן!

— איין ברוסט האָט אונז געזויגן!

אַז דער רייכער האָט דאָס דערהערט, האָט ער פאַרשטאַנען אַז ס'איז אַ באַשערטע זאַך, האָט ער זיי אַריינגעפירט אין פּאַלאַץ, האָט געמאַכט א פיינע סעודה, צוטיילט זיין עשירות אויף חלקים, יעדן קינד א חלק, די אָרעמע זיינען אויפגערעכט געוואָרן. זיי איז גוט און אונז איז נאָך בעסער.

דריי־און־זעכציק

מיין בייטעלע

(אַ מעשה מיט אַ אינגל וואָס איז שיעור ניט געוואָרן אַ גביר)

איי אַ בייטעלע, אַ בייטעלע!

ווען איך זאָל דענסמאָל געווען האָבן אַ בייטעלע, טאַקע אַ ריכטיק לעדערנע בייטעלע מיט אַ שלעסל וואָס פאַרמאַכט זיך מיט אַ קנאַק, וואָלט איך שוין היינט געווען אַ גרויסער גביר. נאָר אַפּנים אַז ס'איז מיר ניט באַשערט געווען.

ס'איז שוין געווען ערב חנוכה. די מאַמע האָט שוין געהאַט אָנגעגרייט דאָס מעשענע חנוכה לעמפּל מיט די קנייטלאַך מיטן פּלעשעלע בוימאייל. דער שמש האָט שוין געבראַכט די אַכט קליינע וואַקסענע „שמשים" מיט וואָס מען צינדט אָן די חנוכה ליכטלאַך און איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן לויפן נאָך חנוכה געלט. איך בין געלאָפן צו מיין באָבען, אַ הויכע, דאַרע אידענע, וואָס בייזערט זיך תמיד און צו דער מומע רויזע, אַ גרויסע נגידת'טע, וואָס האַלט דאָס געלט איר'ס פאַרבונדן אין אַ קניפּל און צו דעם פעטער מאָטלען, אַ קרעמער וואָס פאָרט אויף ירידים. צו אַלעמען בין איך געלאָפן נאָך חנוכה געלט.

נאָר אָנגעהויבן האָב איך בעטן חנוכה געלט באַ דער מאַמען.

— מאַמע, מאָרגן איז שוין חנוכה, גיב מיר חנוכה-געלט.

— גיי פריער צו דער מומע רויזע — ענטפערט די מאַמע. זי איז די נגידת'טע. קום איך שוין צו דער מומע רויזע.

— מומע, גיב מיר חנוכה-געלט.

— וואָס וועסטו טאָן מיטן חנוכה-געלט? פאַרנאַשן מיט צוקערקעס? בייזערט זיך די מומע רויזע.

קום איך שוין צוריק צו דער מאַמען און הויב אָן וויינען און זי שלעפּן פאַרן פאַרטוך:

— זי וויל ניט געבן, די מומע — וויין איך און טרעט ניט אָפּ פון דער מאַמען — גיב מיר חנוכה-געלט, גיב מיר.

— גיי צום פעטער מאָטל — זאָגט מיר די מאַמע. גיי איך שוין צום פעטער מאָטל.

— פעטער, גיב מיר חנוכה-געלט.

— וויפיל האָט דיר די מומע רויזע געגעבן? — פרעגט מיך דער פעטער.

— גאָרניט האָט ער מיר געגעבן. ער זאָגט, ער וועט מיר דאָס נאָך פאַרנאַשן מיט צוקערקעס — זאָגט זי.

— נו, וועסטו קומען צו מיר צום אַכטן חנוכה־ליכטל, ווייל ביז דאַן וועסטו טאַקע נאָך פאַרנאַשן.

לויף איך שוין צוריק צו דער מאַמען און הער ניט אויף צו וויינען — גיב מיר חנוכה־געלט, גיב מיר!

— וואָס האָט דיר דער פעטער מאָטל געגעבן? — פרעגט די מאַמע.

— גאָר ניט האָט ער מיר געגעבן. ער זאָגט, ער וועט מיר געבן צום אַכטן חנוכה־ליכטל, זאָגט ער.

דערווייל איז געוואָרן חנוכה, אין חדר גייט מען טאַקע, נאָר מען לערנט ניט און אַלע אינגלעך באַרימען זיך פאַר מיר. איציקל יאָסל וואָוועס, וועמעס טאַטע פאַרמאָגט אפשר שין מיליאָן קערבלעך, האָט אַ גאַנץ קערבל חנוכה־געלט און — מיין טאַטע האָט געזאָגט, אַז צום לעצטן חנוכה־ליכטל וועט ער מיר געבן נאָך אַ קערבל, הע! — באַרימט זיך נאָך איציקל.

און הירשל אברם בערס, וועמעס טאַטע איז אַ משרת באַ יאָסל וואָוועס, האָט אויך אַ גאַנצן זעקסער חנוכה־געלט.

— און וואו איז דיין חנוכה־געלט? — פרעגט מיך איציקל יאָסל וואָוועס — אַ נו וויז נאָר, וויפיל האָט מען דיר געגעבן, האַ?

— ער האָט ניט, ער האָט ניט קיין חנוכה־געלט, — רייצט זיך אברהמ׳ל דער גראָבער מיט מיר און לאַכט — זעסט דאָך אַז ער שווייגט.

— איך וועל האָבן! דיר אַף צו׳להכעיס וועל איך טאַקע האָבן חנוכה־געלט, וועסט זען מאָרגן, וועסטו זען! — ענטפער איך אברהמ׳לען דעם גראָבן, און גיי אַהיים צו דער מאַמען און לייג זיך אוועק אין מיטן שטוב און קלאַפּ מיט די פיס אין דער ערד.

— גיב מיר חנוכה־געלט. אַלע קינדער האָבן שוין חנוכה־געלט, האָבן זיי!

— ווייסטו וואָס, יואל׳קל, — זאָגט מיר די מאַמע — גיי זיך דורך צו דער באָבע טויבע און בעט באַ איר חנוכה־געלט.

אַ בייזע באָבע, נאָר נאָך חנוכה־געלט גיי איך שוין צו איר.

פינף־און־זעכציק

זיצט זי איבער א פייער־טאָפּ און מאַרעזשעט א שקאַרפּעטקע.

— באָבע, גיב מיר חנוכה־געלט!

— א נויטיקע זאַך... וועסט האָבן וואָס צו פאַרלירן — ווערט די באָבע בייז — ניי דיר פריער אויף א בייטעלע וועסטו קריגן חנוכה־געלט.

גיי איך שוין אהיים און הויב אָן זוכן א שטיקל לייוונט מיט א נאָדל־פאָדים און ניי מיר אַליין אויף א בייטעלע, א ווייס מיט א שנירעלע, אזוי ווי עס דאַרף צו זיין און ווייז דאָס דער מאַמען.

— זעסט מאַמע, איך האָב שוין אויפגענייט א בייטעלע פאַר חנוכה־געלט, האָב איך שוין, און הענג מיר אויף דאָס בייטעלע אָפּן האַלז און לאָז זיך לויפן צו דער באָבען.

— יואל׳קל, קום אהער, — רופט מיך די מאַמע צוריק — קום איך וועל דיר מאַכן דעם „פּיטשאַטעק".

און זי נעמט און וואַרפט מיר אַריין דריי איינציקע צווייערלעך.

— איצט לויף צו דער באָבען — זאָגט מיר די מאַמע, — נאָר פאַרליר ניט.

— איך וועל ניט פאַרלירן! —

איך טאַנץ אָפּן וועג פאַר שמחה, און אַלע מאָל צי איך אויף דאָס שנירעלע און באַטאַפּ מיין חנוכה־געלט און צייל אויס אַלע דריי צווייערלעך.

— איי, ווי גוט עס איז צו האָבן א בייטעלע מיט חנוכה־געלט. נאָך בעסער אפילו ווי צו זיין א קיסר, — קלער איך מיר און לויף ווייטער און טאַנץ און שפּרינג אזש אונטער פאַר גרויס שמחה, ביז איך לויף שוין אַריין צו דער באָבען.

— איך האָב שוין א בייטעלע און טאַקע מיט חנוכה־געלט וואָס די מאַמע האָט מיר געגעבן.

— א־נו ווייז־ וויפיל האָסטו?

נעם איך און צעשנורעווע מיין בייטעלע און ווייז איר.

— הו־ווא. גאַנצע דריי צווייערלעך. זייער שיין — זאָגט די באָבע און איז גאָר היינט ניט בייז.

— נאָ, אָט האָסטו דריי דרייערס — זאָגט מיר די באָבע.

— גרויסע דרייערס. פאַרליר ניט.

זעקס־און־זעכציק

— איך וועל ניט פאַרלירן. איך האָב דאָך אַ בייטעלע! — און איך לויף אַרויס. אפֿן וועג טראַכט איך מיר — מאָרגן איז דאָך שוין דאָס אַכטע ליכטל — מעג איך דאָך שוין גיין צום פעטער מאָטל אויך... לויף איך טאָקע גלייך צום פעטער.

— פעטער, מאָרגן איז שוין דאָס אַכטע ליכטל. זעסט, איך האָב ניט פאַרנאַשט. גיב זשע מיר מיין חנוכה־געלט!...

אפֿנים, אַז דער פעטער האָט געזען, אַז איך בין טאָקע ניט קיין נאַשער, נעמט ער און ציילט מיר אַריין אין בייטעלע פינף איינציקע קאָפּיקעס.

— און איצטער — זאָגט דער פעטער צו מיר — לויף צו דער מומע רויזע און זאָלסט ניט אָפּטרעטן פון איר, ביז זי וועט דיר געבן חנוכה־געלט.

איך קום צו דער מומע רויזען און ווייז איר מיין בייטעלע מיטן געלט — זעסט, מומע, וויפיל חנוכה־געלט איך האָב שוין און אַפילו קיין איין צוקערקע האָב איך ניט געקויפט.

— אויב אַזוי — זאָגט די מומע רויזע, — טאַ, נאַ זשע דיר דיין חנוכה־געלט און גיי געזונטערהייט. — און זי נעמט טאָקע און צעבינדט אַ קניפּל און ציילט מיר אַריין גאַנצע צען קאָפּיקעס.

— יואל'קל, — זאָגט זי — ביסט דאָך שוין באַלד אַ גביר! אפשר וואָלסטו מיר דאָס חנוכה־געלט אָוועקגעליען אַף אַ פּראָצענט?

— גיי! איך האָב דאָך אַ בייטעלע! וואָס זשע וועל איך האַלטן אין בייטעלע! — און איצט לויף איך אַרויס און טראַכט מיר — כ'וועל צולויפן צום חדר און זיי ווייזן! זאָלן זיי איצט זען ווער עס האָט אַ סך חנוכה־געלט. איך לויף און שפּרינג און טאַנץ און זינג, איך פאַל און שטיי אויף און לויף ווייטער און טאַנץ ווייטער און פאַל נאָכאַמאָל און קום מיט צרות איך בין צוגעקומען צום חדר.

— נו? וואו זשע איז דיין חנוכה־געלט? — האָבן מיך אַלע איינגלעך באַפאַלן ווי די בינען — אַ נו ווייז ווער האָט מערער?

— איר וועט שוין באַלד זען — זאָג איך מיט שטאָלץ — ווער עס האָט מער, — און נעם זיך צום בייטעלע.

נאָר פּלוצלונג איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. אַ צרה, אַן אומגליק, מיין חנוכה־געלט, ניטאָ מיין חנוכה־געלט, מיטן בייטעלע אינאיינעם, נאָר אפֿן האַלז הענגט מיר אַ צעריסענע שנירל.

*   *   *

זיבן־און־זעכציק

די מומע האָט גע׳טענה׳ט: אַז איך האָב פריער געזאָגט ער וועט דאָס פּאַרנאַשן מיט צוקערקעס... דער פעטער האָט געזאָגט: אַז איך האָב אָבער אים געהייסן קומען צום לעצטן חנוכה־ליכטל, וואָלט ער ניט געקענט איינגאַנצן מיט איינמאָל פּאַרנאַשן... די באָבע האָט געשריען און זיך געבייזערט — אָבער איך האָב פריער געוואוסט, אַז ער וועט פאַרלירן און די מאַמע האָט געזיפצט. נאָר איך באַ זיך וויים, אַז שולדיק איז מיין ביימעלע! איי, ווען איך זאָל געווען האָבן אַ ביימעלע טאַקע מיט אַ ריכטיק שלעסעלע, ס׳זאָל זיך פאַרמאַכן מיט אַ קנאַק, וואָלט איך דאַמאָלט געוואָרן אַ גביר...

איי, אַ ביימעלע, אַ ביימעלע!

פאר פסח

אף מאָרגן נאָך פורים הויבט שוין די מאַמע אָן זיך רעש'ן מיטן אָראָפּברענגען דעם פסח אין שטוב אריין.

אָנהויבן, הויבט זיך עס תמיד אָן מיטן זיפּצן יעדן פרימאָרגן:

— אוי, גאָטעניו, ווי דערלעבט מען שוין איינצוברענגען דעם פסח אין שטוב אריין! גיט די מאַמע דעם ערשטן זיפץ בא די דאָזיקע ווערטער גלייך נאָך פורים און באַלד הויבט זי אָן צו זיך אַליין, מער ווי פאַר די קינדער, אויסרעכענען וואָס זי דאַרף אף פסח.

— בוראַקעס אף פסח'דיקן באָרשטש. ווי קען מען פסח אויסקומען, קיין עין הרע, אין אַזאַ געזינדל אָן באָרשטש!

מיר אַלע בא אונז אין שטוב האָבן זייער ליב פסח'דיקן באָרשטש. משה, מיין עלטערער ברודער, האָט אַ טבע צו טרינקען פסח'דיקן באָרשטש פון אַ גלאָז, כאָטש די מאַמע בייזערט זיך אף אים:

— האָסט געזען אַ משוגעת, טרינקען באָרשטש פון אַ גלאָז, — טענה'ט די מאַמע, — באָרשטש איז גוט, אַז מען נעמט אין אַ טעלער און מען בראָקט אָן מצה, האָט עס אַ טעם, אָבער אַזוי גאָר!

אַזאַ טבע האָט מיין ברודער משה. מיין אינגערער ברודער איציקל, גנב'עט אַלע מאָל אַ שטיקל פסח'דיקן צוקער און אַז קיינער זעט ניט, עסט ער באָרשטש מיט צוקער. דאָס זעט איר איז שוין אַ נאַשעריי. איך ווידער, האָב ליב באָרשטש מיט פאַרפעלאַך. איר האָט ליב מצה פאַרפעלאַך? בא מיר, הערט איר, וואָלט כדאי געווען עס זאָל זיין כאָטש אַ גאַנץ יאָר פסח, טאָקע טאָר צוליב די קליינע, ווייסע פאַרפעלאַך, וואָס מען ווייקט זיי אָן אין פסח'דיקן באָרשטש, און די פאַרפעלאַך ווערן ווי אָנגע־שוואָלענע און צעגייען זיך אין מויל, אַ מחיה. מען קען ניט זאָגן, אין אַ יויך זענען די פאַרפעלאַך נאָך בעסער, אָבער אַ יויך עסן מיר נאָר די ערשטע טעג פסח און די צווייטע. באָרשטש עסן מיר אָבער גאַנץ פסח און צוליב די פאַרפעלאַך קענט איר מיך אויפוועקן אפילו באַנאַכט, וועל איך אייך גלייך לויפן עסן פאַר־פעלאַך מיט באָרשטש.

נײַן־און־זעכציק

אָבער ביז מיר דערזען דאָס פעסל פּסח'דיקע באָרשטש, הערן מיר זיך אָן גענוג זיפצן און קרעכצן פון דער מאַמען.

— גיי נאָר זע, ס'איז שוין דאָ בוראַקעס אין מאַרק ? — שיקט מיך די מאַמע אַלע מאָל אין מאַרק אַריין, וואו די גויעס זיצן אויסגעזעצט מיט עופות, אייער, קאַרטאָפליעס און כריין, בוראַקעס, אַלץ אַזעלכע זאַכן וואָס די מאַמע דאַרף פון אונזערט וועגן אַף פּסח.

אין גאַס איז שוין וואַרעמלעך, דער שניי איז שוין ערטערווייז צעגאַנגען און איבערגעלאָזן אַ טיפע בלאָטע, וואָס אַז מען שטעלט אַריין איין פוס קען מען ניט אַרויסקריכן, סיידן מען זאָל דערווייל אַריינשטעקן דעם צווייטן אין בלאָטע. נאָר דאָס אַרט מיך ניט. עס אַרט מיך אפילו ניט, וואָס מיר רינט אַריין דורך די פּאָדעשוועס. איך האָב סיי ווי ליב צו קריכן דאָרטן וואו די בלאָטע איז טיפער, און אפשר האָבן אַלע אינגלעך אַזאַ טבע, איך האָב ליב אויסצו־טרעטן די בלאָטע, זי זאָל ווערן טיפער, ווייכער. וועט איר דאָך פרעגן צוליב וואָס טו איך עס ? וועל איך אייך אויסזאָגן אַ סוד: אַז איר וועט נעמען און אויסטרעטן גוט די בלאָטע וועט גיכער ווערן טרעקן און אַז עס וועט ווערן טרוקן, וועט דאָך שנעלער זיין זומער, פרעגט אַלע אינגלעך וועלן זיי אייך זאָגן צי זאָג איך אייך אַ ליגן.

קום איך און באַטראַכט די קוישעקעס מיט אייער, די זעקלעך קאַרטאָפליעס און די קרענצלעך ציבעלקעס און די געבונדענע עופות אָפן מאַרק און לויף צוריק צו דער מאַמען מיט אַ גדולה, אַ שמחה:

— מאַמע, ס'דאָ עופות אין מאַרק ! — זיפצט זי:

— ווי איז מיר, ווי ליגט מיר אין קאָפּ עופות, אַז איך האָב נאָך ניט קיין קאַרטאָפליעס אַף פּסח ?

— שאַ, ס'דאָ קאַרטאָפליעס אויך, מאַמע ! — לאָז איך איר ניט זאָרגן זיך. נאָר זי זיפצט נאָך מער.

— ווי זשע איז דער דין, אַז איך האָב נאָך קיין ציבעלעס ניט, זאָל איך טראַכטן פון קאַרטאָפליעס ?

— אָבער איך האָב געזען אַ קראַנץ ציבעלעס אויך ! — טענה איך ווידער, נאָר מיין מאַמע גיט אַ פרישן זיפץ:

— איך האָב דאָך דיך געשיקט זען, צי ס'דאָ בוראַקעס, האָב איך דיך געשיקט !

זיבעציק

— ס'דאַ, ס'דאַ בוראַקעס! — זאָג איך איר אָן די בשורה.

— יאַ, ס'דאַ בוראַקעס? — פרעגט זי מיך איבער, און אַז איך שווער מיך שוין גוט אָפּ באַ „ווי איך בין אַ איד", גיט די מאַמע צוויי מאָל אַ זיפץ און דערנאָך זאָגט זי:

— איצטער, ווען איך זאָל זאָל האָבן כאַטש אַ האַלב קערבל וואָלט שוין גאָר גוט געווען.

— אַזוי גאָר, — טראַכט איך, — קיין האַלבן קערבל האָסטו ניט, איז טאַקע שלעכט, זייער שלעכט, און איר וועט מיר גלייבן, איך הויב אָן ווערן ברוגז אַף גאָט, כאָטש איך ווייס, אַז מען טאָר ניט.

— פאַר וואָס, גאָטעניו, האָסטו אַזוי שלעכט איינגעטיילט באַ אונז אין סניטקיוו? גנעסי איצי יחזקאַל'ס האָט גאָר שוין קיין קליינע קינדער ניט, שוין אַלע אויסגעגעבענע. איין זון אירער, אַליעזר, מיט די צוויי באַקן־בערד, האָט אַליין אַ שניט קראָם און לייזט שטיקער מיט גאָלד. דער צווייטער זון, שואל, האָט אַ וואַלד, און אַז ס'קומט ווינטער לייזט שואל גרידעס מיט געלט פאַר האָלץ, און זי, גנעסי, די אַלטע איז גראָב און פעט, קוים וואָס זי קאַטשעט זיך אין מאַרק אַריין און אַ דינסט גייט אויך מיט איר, און ווען זי דערזעט אַ פעטע הון דינגט זי אויס, וואו נאָר אַ שיין קרענצל ציבעלעס, כאַפּט עס אויס גנעסי, וואו נאָר אַ קויש אייער, וואו אַ זאַק גוטע קאַרטאָפּליעס, דינגט גנעסי אויס, באַצאָלט און די דינסט שלעפּט עס אַהיים און גנעסי זיפצט ניט, און מיין מאַמע האָט נאָך קיין איין קינד ניט חתונה געמאַכט, האָט אַכט קינדער, פינף אינגלעך און דריי מיידלעך, און די מאַמע מיטן טאַטן זענען מיר פונקט אַ מנין, און אַז עס קומט ערב פסח און מען דאַרף בוראַקעס איז ניטאָ קיין האַלב קערבל און די מאַמע דאַרף נעבעך זיפצן און קרעכצן און זאָרגן, און אַ מאָל גאָר צעוויינט זי זיך, ווען קיינער זעט ניט. אַזוי טראַכט איך. צום אָנבייסן, אַז דער טאַטע קומט אַהיים פון בית המדרש, פון צווייטן מנין, שטעלט זיך די מאַמע איין און גיט שטיל אַ זאָג:

— דניאל, מען דאַרף אָנהויבן אַריינברענגען דעם פסח, דניאל!

מיין טאַטע איז אַ איד אַ חסיד. אַז ער איז גוט, איז ער גוט ווי אַ דימענט, אַזוי זאָגט די מאַמע תמיד. נאָר אַז ער איז בייז, זאָל מען שוין גאָר אָפּגעהיט ווערן, אַזוי זאָגט אַלץ מיין

מאַמע. און גוט איז מיין טאַטע, אַז דער רבי איז דאָ אין שטאָט. אָדער אַז עס קומט עפּעס אַ יום־טוב, אַפּילו אַ יאָר צייטל, אָדער אַזוי אַ קערמישל און דאָס איבעריקע איז ער שלעכט, און איז ביז אַף דער גאַנצער וועלט. אַזאַ איז מיין טאַטע! היינט איז דאָך עפּעס ערשט נאָך פּורים, איז מיין טאַטע נאָך יום־טוב'דיק איז ער זייער גוט און איז אויפגעלייגט, גיט ער אַ זאָג צו דער מאַמען:

— נו, איז וואָס זשע זאָרגסטו זיך? אודאי דאַרף מען אַריינברענגען דעם פּסח מיט גאָטס הילף, גאָט פאַרלאָזט ניט!

— האָסט אפשר אַ האַלבן קערבל, דניאל? פּרואווט זיך די מאַמע, און לייגט צו: מען דאַרף שוין שטעלן באָרשטש!

— כ'האָב ניט קיין האַלבע קערבלעך. כ'האָב בטחון, האָב איך. דו הערסט, מינדל. און דער טאַטע שמייכלט רואיק. בטחון צו גאָט, איז ווערט מער ווי אַ האַלבער קערבל, מער פון אַ טויזנט האַלבע קערבלעך.

און טאַקע, אַז איך קום אַהיים פאַרנאַכט פון חדר, זיצט שוין די מאַמע איבער אַ האַלבן זאַק בוראַקעס אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פאַרטוך, די אַרבל פאַרקאַשערט ביז די עלנבויגנס, אין איין האַנט האַלט זי אַ רויטן בוראַק און אין דער צווייטער דעם גרויסן פּסח'דיקן מעסער, און זי שיילט די בוראַקעס, שווענקט זיי אין אַ פּסח'דיקן עמער וואַסער, און זי וואַרפט זיי אין פּסח'דיקן פעסל, וועלכן איך געדענק נאָך פון פאַר אַ יאָרן.

די שוועסטערלעך זיצן אויך לעבן דער מאַמען מיט ווייסע האַנדטיכער אַרומגענומען און העלפן שיילן די בוראַקעס. די מאַמע זיצט און איר פּנים שטראַלט און שמייכלט:

— דאַנקען גאָט, אַז אָנהויב פון פּסח איז שוין דאָ, מען זאָל פאַרנוצן געזונטערהייט, נאָר פאַרענדיקן פאַרענדיקט זי דאָך מיט אַ זיפץ:

— ווי דערלעב איך שוין צו זען אַ זעקל קאַרטאָפליעס און כאָטש אַ שאָק אייער, און כאָטש צוויי עופות.

נאָר איך זאָרג שוין מער ניט. אין שטוב שמעקט שוין מיט פּסח און אַז דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז בטחון איז בעסער פאַר טויזנט האַלבע קערבלעך, ווייסט ער מן הסתם בעסער.

איך לאָז זיך צוגיין נענטער צו דער מאַמען, נאָר זי פאַר־טרייבט מיך מיט אירע קולות:

— אוועק פון די בוראַקעס, גזלן, דו זעסט ניט, אַז דאָ איז שוין פּסח׳דיק? — און איך שטיי נאָך אַלץ לעבן די בוראַקעס, רופט זי דעם טאַטן און שרייט:

— דניאל, נעם אים צו, דניאל! ער וועט מיר חמץ׳דיק מאַכן דעם באַרשטש, דניאל.

פאַרן טאַטן האָב איך מורא, פאַרן טאַטן. אַז ער גיט נאָר איין קוק אויף מיר, מיט זיינע גרויסע אויגן, בלייב איך דערשראָקן און שטיי און ריר זיך ניט.

— יואל, אוועק פון די בוראַקעס, יואל! — שרייט דער טאַטע פון שטוב אין אַלקער אַריין.

— איך בין שוין אוועקגעגאַנגען, טאַטע. כ׳לעבן, איך האָב גאַרניט געטאָן.

און איידער דער טאַטע זאָל אַריינקומען צו מיר, בין איך זיך מישב און אַנטלויף, טאַקע פון אַלקער, דורך דער הינטער טיר, בגנבה אין גאַס אַריין.

אויפן גאַס איז נאָך ליכטיק. די זון האַלט באַם פאַרגיין. עס בלאָזט אַ ווינטעלע, און די בלאַטקעלעך, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך צעלייגט איבערן שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט, ווערן בעת די זון הויבט אָן אונטערגיין, געדיכטער און ס׳נעמט אַ קליין פרעסטעלע, וואָס דורך דעם באַציט זיך די בלאַטקעלע מיט אַ מין גרויער הויט פון דינעם אייז, וואָס איך האָב שטאַרק ליב דורכצוברעכן מיט די פיס.

אין גאַס באַווייזן זיך שוין אינגלעך, פון באַלעבאַטישע הייזער, פון אַ ביסל רייכערע טאַטעס פון מיינעם, און זיי האַלטן שוין שטיקלעך מצה און באַרימען זיך פאַר מיר:

— הע, בײַ אונז האָט מען שוין היינט געקראָגן מצה, דו זעסט? איר האָט נאָך ניט קיין מצה?

— נו, וועט מען בײַ אונז מאָרגן באַקן מצה, — זאָג איך, כאָטש איך ווייס, אַז מאָרגן וועט מען נאָך בײַ אונז ניט באַקן קיין מצה. אָבער דערפאַר שטעלט מען שוין בײַ אונז היינט טאַקע באַרשטש אויף פּסח, יאָ! — באַרים איך זיך.

— גיי, אַ טייערע מעצאָציע, באַרשטש! — ענטפערט מיר איציקל יאָסל וואָועס. איר דאַרפט אים קענען, איציקלען. דאָס איז דער בן יחיד׳ל וואָס דאַרף שוין באַלד לייגן תפילין, אַ גרינס ווי אַן אַגרעסל און גרוים ווי אַן עפּעלע, וואָס ער עסט און ס׳עסט אים.

דריי־און־זיבעציק

איר קענט ניט איציקלען? נו, מן הסתם ווייסט איר ניט די מעשה מיט מיין חנוכה־געלט, פארפאלן. —

— באַרשטש — זאָגט איציקל — עס איך גאָר ניט. איך האָב פיינט באַרשטש, — גדלות'ט ער זיך און לאַכט.

— נו, ווערסטו ניט עסן, אַז דו האָסט פיינט, — ענטפער איך אים, נאָר מיר גייט פאָרט איבער דאָס האַרץ נאָך אַ שטיקל מצה, לאָז איך זיי איבער און אַנטלויף צו שמחה זכריה מאיר'ס אויף דער טעראַסע, וואו מען באַקט מצות.

מצות

אויב איר ווילט זען אַן ערב־פּסח'דיקן יאַריד, אַן אמת אידיש־לעכן יאַריד, וואו אידן און אידענעס, אינגלעך און מיידלעך לויפן און יאָגן זיך מיט היץ, מיט ברען און מען שרייט און מען פּיל־דערט, און די קולות מישן זיך אויס און טראָגן זיך אין דער לופטן, גייט זיך דורך אַף דער טעראַוועצע, צו שמחה זכריה מאיר'ס, וואו גאַנץ סניטקיוו באַקט מצות. די טעראַוועצע, ווייסט איר וואו זי געפינט זיך? איך וועל אייך באַלד ווייזן. דעם קלויסטער קענט איר דאָך, מער ווי איין קלויסטער איז ניטאָ אין סניטקיוו, און שטיין שטייט ער שוין פון יענער זייט שטאָט. אַ ווייסער, אַ הויכער, פון אונטן זעט ער אויס ווי אַ הויף און אין דערמיט איז ער גראָב און אָנגעבלאָזן, ווי אַ מין גראָבער משונה'דיקער בויך. העכער אַ ביסל איז דער קלויסטער מיט אַ סך גלאַנציקע קאָלירטע פענצטערלעך, און פאַרענדיקן פאַרענדיקט זיך דער קלויסטער מיט אַ דינעם שפּיץ, ווי אַ גאָרגל, און נאָך העכער, איבערן שפּיץ קלויסטער, שטייט אַ גאָלדענער צלם.

דאָס ליידיקע פּלאַץ אַרום און אַרום קלויסטער איז די טעראַוועצע. אַף דער טעראַוועצע איז אַלע דינסטיק דער סניטקיווער יאַריד, וואוהין די שליאַכטעטשעס פון די דערפער קומען אַרויס מיט שטשעטינע, חזיר האָר, פּעלעכלעך צו פאַרקויפן, און זינקיווער האַנטשערעס, מיט הויכע, שוואַרצע קוטשמעס קומען צו פאָרן מיט זייערע לאַנגע בוידן, אָנגעלייגט מיט ליימענע טעפּ, קאַצאַפּעס, אַלע אַזעלכע געזונטע, רויטע, מיט גראָבע, גלאַנציקע באַקן, רויטע און געלע האָר, און ווייסע העמדלעך מיט רויטע גאַרטלען, קומען אַרויס מיט זעקלעך אוגערקעס אום זומער און קאַרטאָפליעס אום ווינטער. ליוועראַנטן, פערד סוחרים ברענגען אַן אַ סך פערד, בהמות צום פאַרקויפן און אַלע שטעלן זיי זיך אויס אַף דער טעראַוועצע און דאָס איז דער יאַריד. מענטשן זענען דאָ אַזוי פיל אַפן יאַריד, אַז מער ווי קעפּ זעט מען ניט. די גאַס איז שוואַרץ פון מענטשן און ס'איז ענג, קוים וואָס מען שטופּט זיך דורך.

פינף־און־זיבעציק

איך האָב ליב אַ יאַריד. אַמאָל פֿאַרלירט אַ שיכור'ער גוי אַ בייטעלע, און אַז איך האָב טאַקע אַמאָל שוין אַף אַ יאַריד אויפגעהויבן אַ בייטעלע מיט איך ווייס אַליין ניט וויפֿיל געלט, נאָר די מאַמע האָט עס באַ מיר צוגענומען און מיר געשאָנקען אַ צווייערל אַף צוקערקעס. איז דאָרטן, אין עק גאַס, אַף דער טעראַוועצע וואוינט שמחה זכריה מאיר'ס.

אַ גאַנץ יאָר איז שמחה אַ גלעזער. ער שטעלט אַריין טאָפּ־ליעס אין די פֿענצטער. איך ווייס אַפילו ווי אַזוי שמחה שניידט גלאָז. אָט וועל איך אייך זאָגן. אַ דימענט ווייסט איר וואָס דאָס איז? נון, האָט ער אַזאַ שטעקעלע, און אין שטעקעלע ליגט אַ דימענטל, און שמחה גיט אַ קראַץ מיטן דימענטל איבער דעם גלאָז, שפּאַלט זיך תּיכף אַף פּונקט אַזוי פֿיל וויפֿיל ער וויל. מען זאָגט אַפילו אין דעם דימענטל שטעקט אַ כשוף, נאָר איך גלויב ניט אין דעם, ווייל זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווען שמחה זאָל קענען כשוף, וואָלט ער דאָך ניט געווען אַזאַ קבצן, און אַז ער איז אַ קבצן, פֿאַרשטייט יעדער, ווייל באַ אים, באַ שמחה'ן אַליין. איז שטענדיק דאָס פֿענצטער פֿאַרשטעקט מיט אַ קישעלע, אָדער מיט אַזוי אַ שמאַטע.

חוץ גלעזעריי איז שמחה אויך אַ בלעכער. ער קען אייך מאַכן אַ בלעכענעם דאַך, אַז עס זאָל בלישטשען אַנטקעגן דער זון ווי אמת'ע זילבער. און אַ מאָלער איז ער אויך, שמחה. איר האָט געדאַרפֿט זען, דעם מזרח אין דער שניידערשער שול, מיט לייבן און לעמפּערטן, און מיט משה מיט אהרן'ען און מיט רויטע אידע־לעך, וואָס מען זאָגט, אַז דאָס זענען די עשרת השבטים, און איר וואָלט אַליין אויך געזאָגט, אַז שמחה איז אַ גרויסער מאָלער, וואָס נאָר אַן עבירה וואָס גאָט האָט אים געשטראָפֿט און ער ווערט פֿאַרפֿאַלן אין סניטקיוו. נאָר אַליין איז שמחה אַ קליינינ־קער, אַ קאַרליקער, וואָס איך בין גרעסער פֿאַר אים, און דערצו האָט ער עפּעס אַזעלכע מאָדנע אויגן, דער שמחה, וואָס כסדר פֿינטלען זיי באַ אים און אַז ער רעדט, רעדט ער מער מיט די אויגן, ווי מיטן מויל.

ערב פּסח באַקט מען מצות באַ שמחה זכריה מאיר'ס. גלייך ווי איר עפֿנט אויף די טיר פֿון שמחה'ס הויז זעט איר פֿאַר זיך אַ פֿאַלנע פֿאַבריקע.

זעקס־און־זיבעציק

אין פּראַכאַזשע איז אַ בלאָטע, נאָך מער בלאָטע ווי אַף דער טעראַוועצע. דאָס נעמט זיך פון דעם מעל, וואָס צעשיט זיך באַם מאַכן די מיירעס און פון דעם וואַסער, וואָס מען גיסט אויף צום קנעטן די מצות.

באַ דעם מעל זיצט מינדל די יואַליטשקע, אַ קליין ווייבעלע, מיט פּיצינקע אויגעלעך, ווי באַ אַ מייזעלע, אָנגעטאָן אינגאַנצן אין ווייסן, די הענט פאַרקאַטשעט איבער אַ קופּערנער, גלאַנציקער שיסל מיט מעל און מאַכט אַ מיירע מצות, און זי קנעט די מיירע און דרייט די שיסל אַף אַלע זייטן, און דרייט אויס די מיירע אַזוי קונציק, אַז קיין טראָפּן מעל, קיין לעק וואַסער בלייבט ניט אין שיסל, נאָר איין שטיק טייג, מצה טייג.

און אַז זי ווערט פאַרטיק מיט דעם קנעטן, הויבט זי אָן שרייען:

— אַ מיירע, אַ מיירע! פאַרטיק אַ מיירע!

קומט צולויפן אַ איד פון דעם אַנדערן חדר, וואו מען קאַטשעט די מצות, כאַפּט אויס די מיירע און פאַרשווינדט אין אַ ווינקל. אַנטקעגן דער מצה קנעטערן זיצט אַ אינגל וואָס גיסט וואַסער און אַזוי שנעל ווי מינדל דאַרף זיך נעמען צו דער צווייטער מיירע, הויבט זי ווידער אָן שרייען:

— וואַסער, וואַסער, ברענג וואַסער!

קומט דאָס אינגל צולויפן, מיט אַ קוואָרט וואַסער און מינדל שרייט אַף אים: — דו וועסט חמץ'דיק מאַכן די מיירע! — דאָס אינגל טוט זיך אָפּ זיין אַרבעט, גיסט אויף דאָס וואַסער און גייט זיך צוריק אין זיין ווינקל און עסט מצה, וועלכע ער שלעפּט פון אַלע קעשענעס. דאָרטן וואו מען קאַטשעט די מצות איז פריילעך, לעבעדיק. עס שטייען שורות'וויז מיידלעך און ווייבלעך, אַלע אין ווייסע פאַרטוכער, מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל און מיט קאַטשעלקעס אונטער די פאַכוועס און וואַרטן, אַז מען זאָל דערלאַנגען אַ מיירע. אַלע רעדן, אַלע לאַכן, שרייען, קוויטשען. איינע זינגט:

> אַ ליבע צו שפּילן איז אודאי כדאי,
> אודאי כדאי,
> נאָר ווען זשע איז דאָס גערעט געוואָרן?
> אַז איך זאָל זיין דערביי,
> אַז איך זאָל זיין דערביי, דערביי,

איז אודאי כדאי, אודאי כדאי,
נאָר ווען זשע איז דאָס גערעכט געוואָרן?
מיט איינער, ניט מיט דריי,
ווען זשע איז דאָס גערעט געוואָרן?
מיט איינער, ניט מיט דריי,
מיט איינער, ניט מיט דריי,
איז אודאי כדאי, אודאי כדאי,
ווען זשע איז דאָס גערעט געוואָרן?
אַז דו זאָלסט זיין געטריי!

אַלע מיידלעך שטייען פּאַרטאָן איבער דער מיירע, יעדע כאַפּט אַ שטיקל מצה טייג פאַר זיך, און די קאַטשעלקעס הויבן אָן אַרבעטן באַ די מיידלעך אין די הענט. יעדע מיידל קלאַפּט צו מיט דער קאַטשעלקע צו דעם טאַקט פון דעם לידל, און איינע זוכט איבערצויאָגן די צווייטע און וויל פאַרטיק ווערן די ערשטע. און אַז די מצה ווערט פאַרטיק כאַפּט יעדע מיידל אַ שטיקל גלאָז און שאָבט די קאַטשעלקע און ס'ווערט אַ גרילצעריי, אַ קוויטשעריי און דערנאָך, באַם רעדלען די מצה, ווערט ערשט דער אמת'ער געפּילדער.

אין אַן אַנדער ווינקל שטייט אַ לאַנגער טיש, איבערגעדעקט מיט אַ פּאַס בלעך, און אַרום טיש שטייען רעדלער, אידן מיט בערד און בחורים מיט שיטערע וואָנצעס אין קאַשקעטן, אַנדערע אין יאַרמולקעס, מיט בלעכענע און אייזערנע רעדלעך אין די הענט, און אַזוי שנעל ווי דער טיש ווערט צוגעדעקט מיט מצות, ווערט אַ קריצעריי און אַ בראַזגעריי מיט די רעדלעך איבער די מצות. איינער ווייזט אַ קונץ און רעדלט אָפּ אַ גאַנצע מצה מיט איין פאָר מיטן רעדל אַהין און צוריק אַזוי קונציק, אַז קוים דאָס אויג כאַפּט דאָס רעדל, און אַן אַנדערער רעדלט אַ מגן דוד מיט אותיות „כשר לפסח" אין דעם מגן דוד. באַ אַ דריטן פון גרוים איילעניש צערייסט זיך דאָס טייג פון דער מצה, אויף פיר שטיקער, און איידער מען קוקט זיך אום, כאַפּט ער די מצה און מאַכט פון איר איין שטיק און פאַרוואַרפט אונטערן טיש אויף דער ערד. ווילן אַנדערע ניט ליידן און הויבן אָן שרייען אויף אַ קול:

— חמץ'דיק געמאַכט, שוין ווידער חמץ'דיק געמאַכט אַ מצה, אַ שיין רעדלען. מצות זענען באַ אים אַ שפּילכל גאָר!

אַכט־און־זיבעציק

און שמחה אַליין זיצט אין קיך באַם אויוון, פון וועלכן עס פלאַמט אַרויס ווי פון אַ קאַלך־אויוון, אין אַ יאַרמולקע און אַ טלית קטן איבערן העמד און אין שטעק שיך, האַלט אַ הילצערנע, דינע לאָפּעטע אין אויוון און האַלט אין איין איבערקערן די מצות און אַרויסשלעפּן, דאָ אַ ביסל אַ רויע, אַ ניט־דערבאַקענע און דאָ אַ צוגעברענטע, וועלכע ער קלאַפּט אַרום מיט דער דינער לאָפּעטע און כאַטש דער אויוון איז אַ פולער מיט מצה, הערט שמחה ניט אויף שרייען:

— מצות, מצות, גיכער אַהער די מצות! און אין איין סעקונדע שאַרט ער אָן אויף דעם דינעם לאָפּעטקעלע אַ בערגל מצות. דער אויוון ווערט ליידיק און אין דער צווייטער סעקונדע זענען מצות פון רעדלער־טיש שוין אין אויוון און שמחה שרייט שוין ווי פריער.

— מצות, מצות, גיכער אַהער, די מצות אין אויוון אַריין! — שטיל ווערט נאָר, ווען דער רב, ר׳ ליב׳עלע באַווייזט זיך אין דער טיר, אין די ווייסע זעקעלעך, וואָס זענען פאַרשפּריצט פון בלאָטע. דאַמאָלט הערן די מיידלעך אויף זינגען, די רעדלער אַרבעטן שטיל און נעמען זיך צייט, כדי דער רב זאָל זיי ניט אויסרעדן און רב ליב׳עלע גייט אום, באַטראַכט די מיירע און זאָגט שטילער־הייט:

— היט זיך מיטן מעל, ניט מאַכט, חס ושלום, קיין חמץ! — און פון דאָרטן גייט ר׳ ליב׳עלע צו און גיט אַ זאָג צום אינגל וואָס גיסט אויף וואַסער:

— זאָלסט זיך היטן מיטן וואַסער, דו הערסט, אינגל! ס׳זאָל חס ושלום ניט ווערן קיין חמץ!

צו די מיידלעך וואָס קאַטשען די מצות וועט ר׳ ליב׳עלע ניט צוגיין, גייען אַלע מיידלעך אַוועק פון טיש אין אַ זייט אַריין, לאָזן די קאַטשעלקעס אָפּן טיש, און ר׳ ליב׳עלע באַטראַכט דעם טיש, אויב ס׳איז אויף אים ניטאָ קיין מעל, זעט אַז די קאַטשעלקעס זאָלן זיין גלאַט, אויסגעשאָבן און ער שאָקלט מיטן קאָפּ און נאָך מער מיטן שפּיציקן בערדעלע, ווי איינער רעט:

— כשר, כשר, פיין, זייער פיין. אידיש!

די ווייבער און מיידלעך שמייכלען שטילערהייט און ווינקען זיך איבער און נעמען זיך צוריק צום קאַטשען די פרישע מיירע און ר׳ ליב׳עלע רוקט זיך אַריין אין קיך אַריין.

ניין־און־זיבעציק

שמחה שטייט אויף, און דער רב קוקט אריין אין אויוון אריין און ער זאָגט אָן שמחה'ן:

— למען השם, ס'זאָל ניט זיין קיין רויע מצה, ווייל רויע מצה איז חמץ, שמחה'לע, דו הערסט?

און אַז דער רב גייט אַוועק אַהיים, ווערט דער טומל נאָך גרעסער. אַלע הויבן ווידער אָן רעדן, לאַכן, שרייען, דערציילן, זינגען, קלאַפּן מיט די קאַטשעלקעס, שאַבן מיטן גלאָז, פּאָרן מיט די רעדלעך, און אַזוי אַלע טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שמחה זכריה מאיר'ס קען מיך. ער ווייסט ווער איך בין, און אַז דער טרעגער שטייט אין קיך און פּאַקעוועט אַ ווינל מצות אַהיים צו טראָגן צו דעם בעל הבית וועמענס מצה דאָס איז, און איך שטיי לעבן טרעגער און עס גייט מיר אוים דאָס חיות נאָך אַ שטיקל מצה; האָט שמחה אָף מיר רחמנות, כאַפּט אַ מצה און צעברעכט זי אָף צוויען און אָן לשון דערלאַנגט ער זי מיר, פאַר וועלכן איך האָב אויך ניט קיין לשון ווי אַזוי אים אָפּצודאַנקען און איך פאַרזוך נאָר אַ קליין שטיקעלע און דאָס איבעריקע באַהאַלט איך אין אַלע קעשענעס און לויף אַהיים ווייזן בא אונז אין שטוב, אַז מען באַקט שוין טאַקע מצות. אין אַלקער, וואו דער באָרשטש שטייט, איז שוין פּסח'דיק. די ערד איז אָפּגעשמירט מיט געל ליים, אָף דער ערד ליגט אַ ווייסע, אָפּגעוואַשענע הילצערנע ברעט און אָף דער ברעט שטייט דאָס פעסל פון באָרשטש, פול מיט אָפּגעשיילטע רויטע צוקעראַווע בוראַקעס און דאָס פעסל איז איבערגעדעקט מיט אַ ווייסן טישטוך און אַפן טישטוך ליגט אַ שווערער שטיין, אויך אַן אָפּגעוואַשענער. די מאַמע לויפט מיר אַנטקעגן און וואָרנט מיך:

— זאָלסט זיך ניט דערוועגן צוצורירן זיך צו דעם פעסל, דו הערסט וואָס מען זאָגט דיר, יואל?

— איך הער, איך הער.

נאָר די מאַמע רעט ווייטער:

— דו זאָלסט ניט מיינען, עס איז דיר פאַר אַ יאָרן, וואָס דו ביסט געקראָכן אין פּסח'דיקן אַלקער מיט חמץ, דו הערסט?

— מאַמע, מען באַקט שוין מצות, מאַמע דו זעסט?

— גיי דערצייל דאָס דעם טאַטן, ניט מיר, — זאָגט די מאַמע. נאָר פאַרן טאַטן האָב איך מורא. דערווייל קומען אָן משה מיט איציקן און הויבן אָן שרייען: גוי, פאַר אכילת מצה?

נאָר איך בין נאָך אַ קליינער, איך מעג נאָך, אַ יאָ מען מעג?

אכטציק

דוד הירש תקיף

פאַר קיינעם האָט מען אין סניטקיוו אַזוי ניט מורא געהאַט ווי פאַר דוד הירש תקיף. אין מאַרק, אַפן יאַריד, טאָמער איז אַ איד געשטאַנען לעבן אַ פורל תבואה און זיך געדונגען מיטן גוי, און עס האָט שוין געהאַלטן אַף אַ דרך, איז גענוג געוועזן, אַז דוד הירש זאָל אויסוואַקסן, ווי פון אונטער דער ערד, גיבן נאָר איין קוק מיט זיינע שאַרפע אויגעלעך אַפן אידן, אַז דער איד זאָל אַרונטערלאָזן די אויגן, אַפּלאָזן הענט און פיס, און אוועקגיין פון דעם פורל, אַבי זיך ניט אָנטרעפן מיט דוד הירשן פּנים אל פּנים.

אין שטעטל איז קיין סוד ניט געווען, אַז דוד הירש איז אַ מסור... און אַז ער ליגט איבער באַ דעם אוריאַדניק טאָג אַזוי ווי נאַכט, דערציילט אים וואָס מען דאַרף ניט, און דערפון נעמען זיך אַלע מסירות אין שטעטל אַף די אידן, וואָס האַנדלען אָן אַ בלעטל, פאַרקויפן טאַבאַק אָן אַ פּאַטענט, און זיי ברענגען אַמאָל אַריין פון אַ יאַריד אַ כשר'ע מציאה, אַ פעלכל, אָדער אַ ביסל חזיר־האָר, פון וואָס מען האָט געהאָפט צו קענען פאַרדינען אַף אַ געבעקל ברויט, אָדער חלה אַף שבת.

קיין וואונדער ניט, וואָס אַז ווייבער אַף דעם סניטקיוועער מאַרק האָבן זיך געוואָלט שילטן, איז די גרעסטע קללה געווען: זאָלסט איבערקומען אַף דוד הירשן... אָדער דוד הירש זאָל פאַלן איבער דיר... דאָס איז געווען טויזנט מאָל ערגער ווי געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין.

און אַז אַ סניטקיוועער איד האָט זיך פאַרגונען צו זיין אַ ווייַן־שענקער, האָט ער ניט אויפגעהערט צו זיפצן און קרעכצן אַף זיין ביטער מזל:

— פּרנסה... ווי קען מען האָבן פּרנסה פון אַ וויין־שענק, אַז עס לעבט אַ דוד הירש אַף דער וועלט... ער לאָזט דען לעבן? אַלע מיטוואָך און דאָנערשטיק איז ער דאָ מיט אַן אויסרייד: דאָ דאַרף ער ווייַן פאַרן אוריאַדניק, דאָ ריכט מען זיך אַפן פּריס־טאַוו... און ניט גיבן, ווייסט מען דאָך שוין מיט וואָס דאָס שמעקט. עס שמעקט מיט אַ פרישער מסירה'לע, מיט אַן אַקט.

איין־און־אַכציק

און פאר אן אקט איז קיינער ניט באוואָרנט. זאָל זיך דוד הירשן פארגלוסטן, איז מאָרגן דאָ דער פריסטאַוו, און אַז דער פריסטאַוו באַווייזט זיך מיט זיין ברייטשקע אין מיטן מאַרק, ווייסט מען שוין גלייך וועמענס קאָפּ עס שטעקט אין דעם, און אַז עמיצער וועט שוין היינט האָבן אַן אַקט.

דוד הירש, אַ הויכער, דאַרער, ביינערדיקער איד, מיט אַ שפּיציק פּנים, פונוואַנען עס קוקן אַרויס צוויי ביינער פון די באַקן, כאָטש ער עסט און טרינקט פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, אויגן שאַרפן, וואָס נעמען דורך ביזן דער זיבעטער ריפּ, און אַז זיי קוקן אַריין אין פּנים פון אַ אידן, וואָס האַנדלט מיט עפּעס אַ ניט־כשר׳ער זאַך, דערפילט דער סוחר, אַז עס ווערט אים אַנטרונען דער מאַמעס מילך.

אַז דוד הירש שפּאַצירט דורך דעם מאַרק, דעם יאַריד, גייט ער ניט גלייך, נאָר ווי אַ זייטיקער. סיי זומער, סיי ווינטער טראָגט ער אויף די פּלייצעס אַ פּאַלערינע פון גרויען געוואַנט, און די הענט זענען בא אים פאַרלייגט אויף הינטן, און גיין גייט ער ווי אַ כיטרער וואָלף, מיט שטילע טריט, בא דער זייט, תמיד גרייט אויף עמיצן אָנצופאַלן און מאַכן אַן אַטאַקע.

שרעקן זיך פאַר דוד הירשן אַלע סוחרים, די ליוועראַנטן, פערד־הענדלער. און ניט איינמאָל טרעפט, אַז ווען עמיצער האָט געקויפט ערגעץ אַ פערד, און באַצאָלט דעם פולן מקח, זאָל דוד הירש אונטערקומען שטילערהייט און פּלוצלינג אָנהויבן באַקוקן דאָס פערד, עפענען דעם פערד דאָס מויל, אָדער זוכן אויף אים סמנים, גלייך ווי ער וואָלט געהאַט אינפאָרמאַציע, אַז דאָס פערד איז ניט געקויפט, נאָר גע׳גנב׳עט געוואָרן.

דעם ליוועראַנט נעמט איינפאַלן דאָס האַרץ, און ער הויבט אָן שטאַמלען:

— פאָני דוד הירש, געקויפט, באַצאָלט גוטע געלט פאַרן פערד, יאָ...

דוד הירש הערט אויף קוקן אויפן פערד, און טראָגט זיך אַריבער מיט זיינע שאַרפע בליקן אויפן סוחר, קוקט און שווייגט. זאָגט גאָרניט, אָבער דאָס קוקן איז גענוג, אַז דער סוחר זאָל כאַפּן דעם איינענעם טאָג אויפן יאַריד און פאַרקויפן דאָס פערד הינטערן קערן, אוים מורא, אַז ער זאָל ניט אַריינפאַלן דורך דוד הירש׳ס אַ מסירה׳לע.

צוויי־און־אַכטציק

אַז מאַמעס ווילן אָנשרעקן אַ קינד אין וויגל, ווען עס וויינט, און עס וויל ניט איינשלאָפן, איז דאָס בעסטע מיטל אַ געשריי צו טאָן:

— שלאָף, ווייל אָט גייט דוד הירש מיטן אוריאַדניק!

דער אוריאַדניק גייט קיינמאָל ניט אַליין איבערן שטעטל, נאָר תמיד פירט ער זיך מיט דוד הירשן הינטער דער האַנט, געאַרעמט, און אַז דער אוריאַדניק מיט דוד הירשן באַווייזן זיך אין אַ יאַטקע, אין אַ וויין־שענק, אָדער אין אַ מעל־געשעפט, ווערט אַלעמאָל אַן אַקט, גייען די בעלי בתים אַרום מיט פאַר־בראָכענע הענט, פאַרצווייפלט. דער אוריאַדניק זידלט זיך און שרייט:

— אידן זענען מאַשעניקעס, אַלע אידן!

דענסמאָל ווערט דוד הירש, לפנים, גאָר דער מליץ יושר, רופט אַוועק די בעלי בתים אין אַ זייט, נעמט זיי גיבן צו פאַרשטיין, אַז מען קען עס נאָך צורעכט מאַכן... די דיעלאָ קען מען פאַר־ווישן... מען דאַרף נאָר גלייך אים, דוד הירשן געבן אַ ביסל געלט, אַזוי, כּאָטש אַ פּופּציק רובל, און עס וועט פון דער דיעלאָ גאָרניט ווערן...

גראַבט מען אויס פון אונטער דער ערד אַ פּופּציקער, דוד הירש רוקט אַריין דאָס געלט צו זיך טיף אין קעשענע, פאַרשווינדט מיטן אוריאַדניק, און דערנאָך גייען אום די בעלי בתים און ווינ־טשעווען דוד הירשן אַזוינס, וואָס עס קומט זיי נאָר אין מויל אַריין.

— ער זאָל עס אויסקרענקען, טאַטע זיסער, ביז מאָרגן, דער בלוט־זויגער, דער מסור, — שיקט מען אים נאָך אַ קללה, באַלד ווי ער פאַרלאָזט דאָס הויז, אָבער אין אויג, אַז מען דערזעט אים, מוז מען נאָך שמייכלען צו אים, מאַכן אים אַ חניפה׳לע, און זיך פאַר אים אויסציען, און אים דאַנקען פאַר זיינע טובות, וואָס ער ראַטעוועט אַרויס פון גוישע הענט...

און אַז קהל בויט אַ נייע שול, ציטערט מען פאַר דוד הירשן, און אַז מען קלייבט אַ רב, אָדער אַ שוחט, ציטערט מען אימת מות פאַר דעם צד, וואָס האָט באַ זיך דוד הירשן פאַר אַ גבאי. מען ווייסט, אַז פון דוד הירשן זיך אויסצודרייען, און ניט אַריינפאַלן צו נאַטשאַלסטוואָ איז אומעגלעך.

זיצט מען אָפּט אין חברה און מען רעט, מען באַשליסט, און

ערשט נאָך אַלעמען איז עס קיין נייעס ניט, עס זאָל זיך אויפ־
שטעלן אַ איד, און אַ זאָג טאָן:

— וואַרט אידן, וואַרט. מיר האָבן שוין טאַקע אָנגענומען אַזוי, אמת, אָבער מען קען דאָך ניט וויסן, וואָס דוד הירש וועט זאָגן! מען דאַרף פריער דערגיין, אויב דאָס געפעלט דוד הירשן!...

נאָך אַזאַ לעצטן וואָרט איז גענוג, אַז פון דער גאַנצער אסיפה זאָל גאָרניט ווערן, און מען באַשליסט צו שיקן נאָך דוד הירשן, אָדער גיין צו אים אַהיים, און זיך האַלטן מיט אים אַן עצה.

און אַז מען האַלט זיך מיט דוד הירשן אַן עצה, איז ער תמיד מסכים. ער האָט קיינמאָל ניט וואָס אויסצוזעצן, נאָר תמיד לייגט ער צו:

— איך קען אָבער ניט גאַראַנטירן פאַר דעם אוריאַדניק אָדער פאַרן פריסטאַוו...

דענסמאָל ווייסט מען שוין, אַז עס וועט זיין צרות. מען וועט מוזן שמירן, אַפילו ווען אַלץ איז כשר וישר. דוד הירש וועט אויסקראַצן אַ מסירה'לע, עס וועט שוין קאָסטן קהל היפּשע עטלעכע קערבלעך, ניט אַזוי צוליב דעם פריסטאַוו, ווי צוליב דעם וואָס דוד הירש דאַרף אָפּלעקן אַ ביינדל, און אַרויספּרעסן בײַ קהל אַ ביסל געלט.

און אַזוי איבערן גאַנצן שטעטל. צו וואָס מען זאָל זיך ניט דאַרפן צורירן, עפּעס טאָן, ציטערט מען פאַר דוד הירשן, און תמיד איז דאָ עפּעס, איבער וואָס צו ציטערן. טרעפט אַז עס ווערט פאַרשלאָפט אַ איד אין מיטן דרינען און מען דאַרף אים פירן קיין קיעוו צום דאָקטאָר, און דער איד איז ניט קיין סניטקיוועד נכתב, מוז מען אים געבן אַ פאַלשן פּאַס, גייט קהל צו דעם סטאַראָסטאַ, און הייסט אים געבן אַ פּאַס. גיט דער סטאַראָסטע, נאָר איידער מען קוקט זיך אַרום, פליט שוין אַ דאָנאָס צו קאַזניאַ. און דער פריסטאַוו באַווייזט זיך, און דער סטאַראָסטאַ האָט שוין אָף זיך אַ דיעלאָ... פאַר געבן איינעם אַ פאַלשן פּאַס.

מוז מען ערשט רופן דוד הירשן צום רב, מיט אים טענה'ן, רעדן פון היינט ביז מאָרגן, און ווידער אונטערשמירן, ביז דוד הירש נעמט צו דאָס געלט, און זעט פאַרשמירן די דיעלאָ, וואָס ער אַליין האָט אָנגעאַרבעט בײַ דער קאַזניאַ... און מען זאָגט אים נאָך לפּנים:

— לאַנג לעבן זאָלט איר, פּאַני דוד הירש, וואָס איר ראַטע־

וועט אַ אידן פון אַ צרה... נאָר אין זיך טראַכט יעדער איינער:

— אַ מהומה זאָל קומען אַף דוד הירשן, פאַר זיינע מסירות, און פאַר זיינע הינטישע שטיק...

נאָר אויב גאַנץ סניטקיוו האַלט אין איין ציטערן פאַר דוד הירשן און היטן זיך פאַר אים ווי פאַר פייער, זיינען אָבער דאָ צוויי אידן אין שטעטל, וואָס קריכן דוד הירשן אין די גדערים אריין, האָבן פאַר אים ניט נאָר ניט קיין מורא, נאָר טוען אים אין טויט אריין.

קאַפּל קאָוואַל און דאַדיע דער יונה׳כעס.

קאַפּל קאָוואַל איז אַ איד, די גרויס ווי אַן עלעפאַנט, מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב, מיט אַ טשופּרינע האָר, וואָס אַז ער נעמט אַרונטער זיין קאַשקעט און די האָר צעפאַלן זיך איבער זיין פּלייצע און איבערן פּנים, זעט ער אויס ווי אַן אמת׳ער לייב. קאַפּל, אַז ער גייט אין גאַס, שטעלט ער אַזעלכע טריט, אַז מען פילט אַז די ערד הינטער זיינע פיס ציטערט.

עס איז געננוג, אַז אַף אַ יאַריד זאָלן זיך עטלעכע שיכורע שקצים צעשלאָגן און אָניאָגן אַף אַלעמען אַ מורא, זאָל איינער אַ זאָג טאָן:

— מען דאַרף מודיע זיין קאַפּל קאָוואַל...

איז האָבן די שקצים דערהערט, האָבן זיי זיך גלייך אויסגעניכטערט און עס איז געוואָרן שטיל, נאָר טאָמער האָבן זיי עס ניט איינגעהערט, און קאַפּל איז אָנגעקומען בעת׳ן געשלעג, איז קאַפּל אַ בריה אַריינצוכאַפּן פיר גויאישע טשופּרינעס אין זיינע הענט אריין, און זיי געבן אַזאַ דריי, אַז די שקצים זאָלן אַוועקפאַלן ווי פליגן.

אין גאַרטל האָט קאַפּל תמיד אַריינגעשטעקט אַ האַמער, און ער דאַרף נאָר באַווייזן זיין האַמער, ווערט יענער אַ דערציטערטער. און קאַפּל קאָוואַל האָט פאַר דוד הירשן קיין מורא ניט, זינט ער האָט אים איינמאָל דערלאַנגט מיט אַ שטיק אייזן אין פּלייצע, און דוד הירש איז אַוועקגעפאַלן אַ גע׳חלש׳טער, און פאַר אַ שטיק צייט האָט בא אים געהאַט אָפּגענומען דאָס לשון.

אַרויסגעקומען איז דאָס געשלעג צווישן קאַפּלען מיט דוד הירשן צוליב אַ גנבה:

איינמאָל, נאָך אַ יאַריד, פאַרטאָג, האָט זיך עמיצער אַריינגעבראָכן צו איציק לייב זילבערבערג אין הויף אַריין, און באַ־

גנב׳עט. וואָס מען האָט גע׳גנב׳עט, וויפּיל דער שאָדן האָט באַטראָפן האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר פּלוצלינג, אף מאָרגן, האָט דוד הירש מיטן פּריסטאַוו צוגעשפּאַנט צו קאָפּל קאָוואַלס קוזשניע, און קאָפּל איז גענומען געוואָרן אף אַ פאַרהער.

קאָפּל האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער איז אומשולדיק, און ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן. דער אוריאַדניק איז געשטאַנען און געקוקט אפן פּריסטאַוו, דער פּריסטאַוו אף דוד הירשן, און דוד הירש אף קאָפּל קאָוואַל.

קאָפּל האָט אַרונטערגעכאַפּט זיין היטל, און דאָס אַ שליידער געטאָן צו דוד הירשן, און אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין, דערנאָך האָט ער ערשט אַ זאָג געטאָן צום פּריסטאַוו:

— איך בין אַ שווערער אַרבעטער, איך דאַרף ניט זיין קיין גנב. נעמט זיך צו אים, צו פּאַניע דוד הירשן... ער אַליין איז דאָך שותּף מיט אַלע גנבים! אַז מען גיט אים ניט קיין חלק דערלאַנגט ער צו אייך, אָבער אַז מען גיט אים אין דער האַנט אַריין, שווייגט ער ווי יורקעס הונט...

די פּאָליציי האָט דערפילט, אַז קאָפּל ווייסט וואָס ער רעדט, און די דיעלאָ איז אָפּגעווישט געוואָרן. דער פּריסטאַוו איז אַוועקגעפאָרן, דער אוריאַדניק האָט אויפגעהערט אַרומגיין שמעקן איבער די גאַסן, נאָר אין עטלעכע טעג אַרום איז מען געוואויר געוואָרן, אַז דוד הירש ליגט אָן לשון...

אין שטעטל איז געווען ששון ושמחה. קיינער האָט אף קיינעם ניט גע׳מסר׳ט. דער פּריסטאַוו איז געקומען אויספאָרשן אַ דיעלאָ, וואָס דוד הירש האָט דערלאַנגט אף קאָפּלען, אַז ער האָט אים דערלאַנגט מיט אַ שטיק אייזן אין פּלייצע.

די גנבה האָט זיך שפּעטער אָפּגעזוכט, טאַקע בײַ איציק לייבן אין הויף, פאַרגראָבן אין דער ערד האָט מען געפינען די זאַכן, וואָס האָבן געפעלט.

ווי תּמיד, אַז אַ גנבה זוכט זיך אָפּ אין סניטקיוו, האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען דאָדיע דער יונה׳כעס.

דאָדיע איז אַ איד מיט אָפּגענומענע הענט. ער האָט ביידע הענט, נאָר זינט מען געדענקט אים, זענען זיי בײַ אים אָפּגענומען, און הענגען אַרונטער ווי צוויי אָפּגעטרוקנטע צווייגן פון אַ בוים.

חוץ די הענט איז דאָדיע אַ מענטש ווי אַלע מענטשן גלייך. ער גייט תּמיד אויסגעפּוצט אין אַ נייעם קאָסטיום, וואָס ליגט

אַף אים ווי אויסגעגאָסן, נאָר די אַרבל הענגען אַרונטער און פון די שפּיץ אַרבל זעט מען אויך אַרויס אָפּגעדאַרטע פינגער. דאָדיע רויכערט אַ סך, נאָר ער דאַרף תמיד אָנקומען צו עמיצן, מען זאָל אים דערלאַנגען אַ פּאַפּיראָס פון זיין קעשענע אין מויל אַריין.

דאָדיע איז אומעטום פול. אַף אַלע חתנות, אַף אַלע לויות, אַף דעם יאַריד אין מאַרק, און וואו עס איז ערגעץ אַ געשלעג, אַ קריג, אַ גנבה איז דאָדיע דער ערשטער.

מען שמועסט אַפילו, אַז דאָדיע אַליין, האָט אָפּט אַ חלק אין אַלע גנבות, און עס איז אַ סברה אַז גאָר אין די אינגערע יאָרן האָט אים עמיצער געכאַפּט באַ אַ גנבה און אים אַזוי דערלאַנגט איבער די הענט, אַז זינט דאַן האָבן אים אָפּגענומען ביידע הענט, אַז ער קען מיט זיי ניט אַ ריר טאָן אַף היינטיקן טאָג.

דערפאַר אָבער, אַז עס טרעפט אַ גנבה אין שטעטל, דערוויסט זיך דאָדיע דער ערשטער, און ער קומט גלייך צוגיין, שטעלט זיך אַוועק באַטראַכטן דאָס פּלאַץ, וואו מען האָט אַריינגעבראָכן, און ער שמעקט, נישטערט יעדן טריט, און קודם זאָגט ער מבינות:

— דאָס קוקט אויס, ווי אַ שטיקל אַרבעט פון אַ היימישן גנב... אַ פרעמדער וואָלט דאָך ניט געוואוסט, ווי אַזוי מען קומט צו אַהער...

אַן אַנדער מאָל קען דאָדיע אַ זאָג טאָן:

— וויפיל האָט באַטראָפן דער שאָדן? דריי הונדערטער? נו, אַז איר וועט מיר צוזאָגן אַ פּופציקער, וועל איך אַ שמעק טאָן איבערן שטעטל, וואָס אַרט אייך. מאַכט ניט קיין טומל, וואָס טויג אייך צו האָבן צו טאָן מיט דעם אוריאַדניק און מיט דוד הירשן, עס וועט דאָך אייך קאָסטן טייערער און מען וועט נאָך דאַרפן עמיצן מסר'ן... איך בין ניט קיין מסור...

אַזוי ענדיקט דאָדיע שטענדיק, און אַז מען וויל אים ניט גלויבן, האָט ער נאָך אַן אייגענע שבועה:

— זאָלן מיר אָפּנעמען מיינע פיס, אַזוי ווי די הענט! אַז איך זאָג אייך דעם אמת...

און נאָך אַזאַ שבועה הויבט מען אָן גלויבן, אַז דאָדיע האָט אַ ידיעה אין אַלע גנבות. גיט מען אים אַ דערויף עטלעכע קערבלעך, און אין עטלעכע טעג אַרום, קומט דאָדיע צוגיין, מיט אַ פּאַפּיראָס צווישן די ליפּן, און מורמלט:

היינט באַנאַכט וועט מיין אייך צושיקן די סחורה. זיצט אין הויז, גייט ניט אַרויס. מען וועט אייך צופירן די סחורה, ניט געמינערט אַ האָר. פרעגט ניט קיין קשיות, איך האָב עס גוט געמאַכט. און איר זענט מיר שולדיק נאָך פערציק קערבלעך. זייט אַזוי גוט, און לייגט עס מיר אַריין טאַקע אין אַט אַ דער קעשענע, אַט דאָ אַ, אַ שיינעם דאַנק אייך, און האָט קיין פאַריבל ניט!

דאַדיע גייט אַוועק מיט די עטלעכע קערבלעך אין קעשענע. די סוחרים באַקומען צוריק די גנבישע זאַכן אָפּגעבראַכט צו דער טיר, טאַקע ניט געמינערט אַ האָר, נאָר אויף מאָרגן רעש'ט זיך אין שטעטל:

— די גנבה האָט זיך אויסגעפונען. דאַדיע זאָל לעבן...

די לעצטע ווערטער ווערן געזאָגט צוויי־דייטיק. איינער טראַכט:

— אַז דאַדיע וואָלט ווינציקער אַרומגעגאַנגען מיט די צוויי אָפּגענומענע הענט איבערן שטעטל און ניט געשמעקט אין אַלע הייזער, וואָלטן אַזוי פיל גנבות ניט געווען אין סניטקיוו...

אַנאַדערער ווידער זאָגט:

— און אַז דוד הירש מיט דעם פּריסטאַוו וואָלטן צוגענומען דאָס געלט, וואָלט דען געווען בעסער?

דערווייל איז דאַדיע אַ גרויסער קאָנקורענט צו דוד הירשן. און אַז מען צערעט זיך מיט דאַדיען, און מען דערציילט אים, אַז דוד הירש טראָגט אויף אים אַ האַס, און ער האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג, צעלאַכט זיך דאַדיע, און גיט אַ זאָג גאַנץ שטאָלץ:

— דוד הירש, ווער־ווער, איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט. איך האָב דאָך קיין הענט ניט. אָן הענט קען מען קיין גנב ניט זיין, האַ, ניט אמת? — און אַז ער איז גוט אויפגעלייגט, גיט ער נאָך דערנאָך צו מיט אַ פרישן שמייכעלע:

— אַז מען עסט ניט קיין קנאָבל שמעקט ניט פון מויל...

זינט די מעשה מיט דער גנבה אין איציק לייב זילבערבערג'ס הויף, איז דאַדיע דאָרט געוואָרן אַ גאַנצער בן בית. פרייטיק באַטאָג נאָכן מרחץ קומט דאַדיע צו די גבירים אויף טיי. מען נעמט אים אויף זייער שיין, גנעסיע, די נגידית אַליין, וואַרפט פאַר אים אַריין דעם צוקער און מאַכט אים זיס דאָס גלאָז טיי, און רוקט עס איז צו אַזוי בכבוד'יק, און דערנאָך רופט זי איר זון:

— וואָוועז, קום אַהער, וואו ביסטו? נעם דערלאַנג דאָדיען דאָס גלאָז טיי. קום אַהער, ער איז דאָך נעבעך אַ געשטראָפטער.

מיט קאַפּלען דעם קאָוואַל איז דאָדיע זייער גוט צונויפ־געלייגט זינט דער גנבה, און ביידע האָבן זיך פאַרלייגט אַף דוד הירשן, און האַלטן אין איין טענה'ן:

— מיר וועלן אים מאַכן אויס תקיף... מיר וועלן אים וויזן וואָס דאָס הייסט צו זיין אַ מסור איבער גאַנץ סניטקיוו.

טרעפט אַ יאַריד, און דוד הירש נעמט שמעקן אַרום די וועגעלעך, בעטן אידן גאָט אַף איין זאַך:

— גאָט זאָל צושיקן דאָדיען, אָדער קאַפּלען, וועט שוין דוד הירש קיין שליטה ניט האָבן. אַזוי גיך ווי דוד הירש דערזעט קאַפּלען, דערמאָנט ער זיך דעם טעם פון דעם שטיק אייזן, און ער פאַרלירט דאָס לשון און טראָגט זיך אָפּ אַהיים. דענסמאָל האָבן אידן אַ גוטן יאַריד, אַ פיינעם מאַרק־טאָג, און דוד הירש שטערט זיי ניט.

אָדער אַז דער פּריסטאַוו פאַרפאָרט אין שטעטל, איז קיין נאַווינע ניט, אַז דאָדיע זאָל אויסשפּאַנען דאָס שטעטל דורך די הינטער־טירן, און יעדן אידן אָנזאָגן:

— דער פּריסטאַוו איז היינט דאָ אין סניטקיוו. ער טרינקט טיי באַ דוד הירשן. אפשר אַ ביסל טאַבאַק, אָדער אַ פלעשל בראַנפן, זייט אַזוי גוט, שטעקט עס מיר אַריין אין אַ קעשענע פון הינטן, און האָט ניט מורא. אַז דער פּריסטאַוו וועט אַוועקפאָרן, וועל איך עס אייך צוריקברענגען גאַנץ... פאַרשטאַנען? נו, האָט אייך אַ גוטן טאָג...

אַזוי שפּאַנט דאָדיע אויס אַלע טריפה'נע קרעמלעך, יעדער איינער פּאַקעוועט אָן זיין סחורה אין דאָדיעס קעשענעס. דאָדיע שפּאַנט אַזוי אַרום אַ פּאָר שעה, פאַרלויפט דוד הירשן דעם וועג, און אַז דער פּריסטאַוו מאַכט עטלעכע וויזיטן, און טרעפט גאָרניט, ווערט ער נאָך אין כעס, זידלט זיך, און ברומט צו דוד הירשן:

— אידן, מאָשעניקעס, האָבן אויפגערומט דעם קאָנטראַבאַנד. ווי קען עס גאָר זיין, אַז אַלע אידן זאָלן מיטאַמאָל ווערן „קאָשער", הע, דאָוויד הערש?

דוד הירש פילט זיך געשלאָגן, מען מאַכט אים ביסלעכווייז אויס תקיף, און ווער? ער ווייסט שוין ווער... זיינע שונאים, קאַפּל קאָוואַל, און דאָדיע דער יונה'כעס...

ניין־און־אַכציק

און אַז דער פּריסטאַוו פֿאָרט אַוועק זעט מען באַלד קאַפּלען מיט דאָדיען שפּאַנען איבערן מאַרק מיט שטאָלצע טריט. דאָס טראָגן זיי ביידע אָפּ די טריפה סחורות צו יעדן איינעם, און ביידע ווערן באַלוינט מיט אַ פלעשל בראַנפֿן, מיט עטלעכע קערבלעך, און אידן פרייען זיך:

— לעבן זאָל דאָדיע מיט קאַפּלען. אַלץ ביליקער און בעסער ווי צו האָבן צו טאָן מיט דעם מסור, מיט דוד הירשן.

און קאַפּל קלאַפּט דאָדיען איבער דער פּלייצע:

— וואָס אָזגסטו, דאָדיע, ער וועט נאָך לאַנג זיין אַ תקיף, האָ?

און דאָדיע האַלט אונטער: מיר וועלן אים מאַכן אויס תקיף, אויס, און פּטור!

ניינציק

טייבעלאַך

(דערציילונג)

מיין טאַטע איז אין די אינגערע יאָרן, נאָכדעם, ווי ער איז אַראָפּ פון קעסט, געווען אַ נאמן אין אַ מיל, אַרום דער מיל האָבן זיך גענעסטלט אַלערליי טייבעלעך, און אַז איך בין געקומען צו מיין שכל, געדענק איך, אַז מיר האָבן זיך אַריבערגעצויגן פון דער מיל אין שטאָט אריין, דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען אָנגעכמורעט, ניט גערעט ווי עפּעס וואָלט אים געפעלט און די מאַמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזיפצט:

— די טייבעלעך... ער קען זיך ניט פאַרגעסן... נאָר ווי אַ קליינעם אינגל, פעלן אים די טייבעלעך.

איך אליין, געדענק ניט די מיל, נאָר, אַז איך בין עלטער געוואָרן, האָב איך ניט איין מאָל געהערט, ווי די ברידער האָבן צווישן זיך גערעט, אַז אין מיל איז געווען אזוי גוט... אלע פרימאָרגען האָט דער טאַטע געהאָדעוועט די טייבעלעך. אַמאָל, אַז ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, האָט ער די קינדער געוויזן די אייעלעך, די קליינע טייבעלעך, גלייך ווי זיי זענען געבוירן געוואָרן פון די אייעלעך. פון די רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די ברידער ווי דער טאַטע האָבן געבענקט נאָך די טייבעלעך.

דעם ערשטן מאָל, וואָס איך האָב דערזען טייבעלעך, איז געווען באַ מיר אַ גרויסער יום־טוב. איך בין געגאַנגען פון חדר, ערב פסח, פאַרנאַכט, אין גאַס איז געווען אַ גרויסע בלאָטע, נאָר די פאַר־פסח׳דיקע זון, האָט שוין געוואַרעמט און אָנגעזאָגט, אַז עס גייט צו זומער. די טיר פון אונזער שטוב איז געשטאַנען ברייט צעעפנט, אַף דער שוועל איז געשטאַנען דער טאַטע, געוואָרפן הויפנס ווייץ, פון דעם שמורה־זאַק אין גאַס אַריין, און פון די דעכער האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פיר ווייסע טייבעלעך, אויפגעקליבן די קערנדלעך ווייץ, דורכגעשניטן די לופט מיט די ווייסע פליגעלעך, און אַוועקגעפלויגן.

די מאַמע איז געווען בייז, און ניט אויפגעהערט צו טענה׳ן:

„ווי אזוי שעמט זיך ניט אַ מענטש אין דיינע יאָרן צו האָבן אַן עסק מיט טייבעלעך? ס׳איז דאָך אַ בזיון פאַר לייט!“

דער טאַטע האָט ניט געענטפערט, זיך געטאָן זיינס, ביז עס איז ניט נאַכט געוואָרן, און די טויבן האָבן זיך מער ניט געוויזן, האָט דער טאַטע ניט אויפגעהערט צו וואַרפן הויפנס ווייץ אין גאַס אַריין. פון יענעם טאָג אָן האָב איך אויפגעהערט צו קוקן אויף שוועלבעלעך, אויף סאַראָקעס מיט וואָראָנעס, נאָר טייבעלעך! וואו איך בין נאָר געגאַנגען, האָב איך נאָר געזוכט מיט די אויגן, אפשר וועל איך ערגעץ דערזען טייבעלעך. קוים האָב איך דערהערט אַז עפּעס פליט איבער מיין קאָפּ, האָב איך פאַריסן דעם קאָפּ צום הימל, געדרייט זיך אין אַלע זייטן, און טאָמער האָב איך דערזען טייבעלעך פליען, האָב איך שוין פאַרגעסן אין דעם חדר, אין עסן, עס האָט מיך געצויגן צו די טייבעלעך, ווי מיט אַ כשוף. און באַנאַכט, פלעגן זיך מיר אפילו חלומ׳ען טייבעלעך.

אַ פּנים, אַז דאָס ציען צו טייבעלעך, איז צו אונזערע קינדער געקומען בירושה פון טאַטן, ווייל איינמאָל, האָט דער עלטערער ברודער, משה, וועלכער האָט אַ גאַנצע וואָך געהאַנדלט מיט די גוים אין דאָרף — משה, האָט פון דאָרף אַהיים געבראַכט צוויי פּאָר טייבעלעך; איין פּאָר ווייסע, ווי ערשט-געפאַלענער שניי. און אַ פּאָר רויטע, מיט גאָלדענע העלדזעלעך.

אַז זיי זענען פּאָרן, האָט מען געזען פון דעם, וואָס די ווייסע האָבן זיך געשטעלט אין איין ווינקל, הינטערן בעט, און די רויטע. אין אַ באַזונדער ווינקל. אין שטוב איז געוואָרן אַ שמחה, אַ גדולה, ניט נאָר בײַ די קינדער, נאָר טאַקע בײַ דעם טאַטן אויך. מען האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן ביז טאָג, און מיט אַ ליכט איז דער טאַטע מיטן ברודער געקראָכן אַפן בוידעם, צונויפגעקלאַפּט פון ברעטלעך צוויי שטיבלעך, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עסק מיט טויבן...

פאַרטאָג האָט דער טאַטע געטראָגן וואַסער פאַר די טייבעלעך, דערנאָך עסן. דער ברודער האָט אפילו געוואוסט, אַז מען קען זיך פאַרלאָזן אַפן טאַטן, נאָר פונדעסטוועגן, איז ער ווידער געקראָכן אַפן בוידעם, זען אויב די טויבן האָבן וואָס צו עסן. איך אַליין, האָב אפילו מורא געהאַט נאָך צו קריכן אויף דער לייטער, נאָר עס האָט מיך אַזוי געצויגן צו די טייבעלעך, אַז איך האָב געמוזט קריכן, אפילו איך זאָל ווייסן, אַז איך זאָל גע׳ניזוק׳ט ווערן!

די איינציקע, וועלכע איז ניט געווען זייער צופרידן פון די טויבן, איז געווען די מאַמע.

צוויי-און-נײַנציק

„גאָט האָט צוגעשיקט טויבן, איז אַ גאַנצן טאָג אַרויף און אַראָפּ פון דעם לייטער. מען האַלט אין איין גיסן וואַסער, שלעפּן ברויט, גרויפּן, מען טראָגט אַרויס וואָס עס איז נאָר דאָ אין שטוב . . ."

די מאַמע האָט גערעט, און דער טאַטע האָט זיך געטאָן זיינס. און אַז דער טאַטע גייט אַלע מאָל צו די טייבעלעך, מעגן דאָך קינדער אודאי גיין, האָב איך טאַקע אַ גאַנצן טאָג געהאַט איין עובדא: צו די טייבעלעך! אין דער פרי, באַטאָג, פאַרנאַכט. עס איז מיר געפעלן זייער וואָרקען, זייער שפּילן זיך, קושן זיך, און מער פון אַלצדינג, דאָס בויען די נעסט, איידער זיי דאַרפן זיך לייגן; אַז איך האָב דערזען, ווי די טייבעלעך קלייבן שטרוי מיט די שנעבעלעך, און טראָגן דאָס שטרוי אין דער נעסט אַריין. האָב איך זיך ניט געקענט אָפּרייסן פון זיי.

אַז גאָט האָט געהאָלפן און די ווייסע טייבעלעך האָבן זיך געלייגט, איז אין שטוב געוואָרן אַזאַ רעש, ווי אַז דער קיסר וואָלט געדאַרפט קומען... איטלעכער באַזונדער איז געקראָכן אַפּן בוידעם זען די אייעלעך, און יעדער איינער האָט געהאַלטן אין איין פאַרזאָגן דעם אַנדערן, למען־השם, ניט דערוועגן זיך אָנצורירן דאָס אייעלע, ווייל, אַז מען רירט אָן דאָס אייעלע. וועלן שוין די טויבן ניט אויסבריען קיין טייבעלעך.

דעם טאָג, ווען דאָס ערשטע טייבעלע איז אַרויס, בין איך אינגאַנצן ניט געגאַנגען אין חדר, און איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד: דער טאַטע איז אין בית־המדרש אַריין אויך ניט געגאַנ־גען... אַ קלייניקייט: די טויבן זענען אויסגעזעסן טייבעלעך! יעדער איינער האָט דאָך געמוזט זען, אויב די טויבן זיצן אַף די טייבעלעך, און טאַקע קוקן, ווי אַזוי די טויבן האָדעווען די קליינע טייבעלעך; ווי דער „טאַטע" טויב, דער „ער" שטאָפּט אָן אַ פולן האַלדז מיט אכילה, קומט צופליען אין דער נעסט אַריין און האָדעוועט די טייבעלעך, וועלכע עפענען די שנאָבלען, פּישטשען, קוויטשען, און רייסן בא דעם טאַטן דאָס עסן פון האַלדז... אָדער ווי די מאַמע טייבל, די „זי" קריכט אַרונטער פון די טייבעלעך, לויפט אַוועק אין אַ ווינקל, טוט אַפּ, וואָס אַ לעבעדיקע באַשע־פעניש מוז אָפּטאָן, דערנאָך וואַשט זי זיך אַרום, טרוקנט אויס אירע פעדערלעך אַנטקעגן די שטראַלן פון דער זון, וואָס ברעכן זיך אַריין דורך די טשערעפּעס פון דאַך און אַז זי האָט זיך אויס־

געטרוקנט, טרינקט זי זיך אָן, עסט אָפּ, און לויפט צוריק אין נעסט אַריין, וואו „ער" איז געבליבן זיצן, ווען „זי" איז אַרונטער. אַז די „זי" קומט צוריק, גייט ער אַרוים פון דער נעסט — וואָס פאַר כשוף, עס שטעקט אין די טייבעלעך, האָב איך אַליין ניט געוואוסט, מיר דוכט זיך, אַז מיט קינדער אין אַ שטוב, דאַרף מען מער ניט זיין אָפּגעגעבן, ווי אָפּגעגעבן מען איז באַ אונז געווען מיט די טייבעלעך.

באַ דעם עסן, האָט זיך דאָס געשפּרעך רק געקייטלט צו די טייבעלעך. דער טאַטע דערציילט, אַז ווען ער האָט היינט אינ־דערפרי געגעבן די טויבן עסן, האָט ער באַמערקט, אַז די קליינע טייבעלעך, הויבן שוין אָן נעמען אַף זיך פעדערן... די מאַמע וועלכע איז שוין צוגעוואוינט געוואָרן, ווייל זי זעט דאָך, אַז אירע רייד העלפן ניט; אַלע האָבן ליב די טויבן — די מאַמע לייגט צו: ווייסע פעדערלעך, פּונקט אין טאַטע־מאַמע געראָטן, טאַקע גאָט'ס נסים!

דער טאַטע קוועלט אָן, און גיט אַ שמייכל: אויב דו שרייסט אַף אונז, וואָס מיר זענען פאַרקאָכט אין די טויבן, דו אַליין גייסט דאָך שוין אייך צו די טויבן!

— ווען גיי איך? — פאַרענטפערט זיך די מאַמע — אפשר איינמאָל אין וואָך." דער עלטערער ברודער פאַלט אַריין אין די רייד: די רויטע טויבן, האָבן שוין היינט אויך געטראָגן שטרוי... דאָס איז אַ סמן, אַז זיי וועלן זיך שוין היינט־מאָרגן לייגן!

די שוועסטער, אַפּנים, איז אָבער אקאָרשט צוריקגעקומען פון בוידעם, מחמת, זי צעלאַכט זיך מיט אַ גדולה:

— מען קען שוין זאָגן „מזל־טוב" — עס איז שוין דאָ אַן אייעלע!

— טאַקע! באַ די רויטע? — פרעגט איבער דער טאַטע און ער פּוילט זיך ניט איבערצולאָזן דאָס עסן אַפן טיש, דער גרויסער טאַטע, און קריכט אַפן בוידעם, זען דאָס פריש־געלייגטע אייעלע פון די רויטע טויבן!

קיינער האָט שוין ניט געענדיקט דאָס עסן. אַזוי גיך ווי דער טאַטע איז אַרונטער פון דער לייטער, האָבן אַלע קינדער, איינער נאָך די אַנדערע געגומען קריכן. יעדער איינער האָט, ווען ער איז אַרונטער, גע'טענה'ט:

פּיר־און־ניינציק

— וואָס איז דאָ צו זען? אַן אייעלע, אַ קליין, ווייס אייעלע! אָבער אַלע האָבן אַליין געמוזט קריכן, אַליין זען.

אַז די טייבעלעך האָבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַליין אָנגע־הויבן צו עסן איז ווידער פול געוואָרן די שטוב מיט זיי. דערצו נאָך האָט מען אין דאַך געמאַכט אַ טירעלע, פאַר די טויבן אַרויס־צופליען. אַז אונזערע טויבן זענען אַרויס אַפן דאַך, איז שוין די גאַנצע גאַס אויך פול געוואָרן מיט זיי; מענטשן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָכגעקוקט די טייבעלעך, ווי זיי צעפליען זיך איבער דער שטאָט, קוים וואָס מען קען זיי נאָכקוקן, נאָר איידער מען קוקט זיך אַרום, זענען זיי שוין אַלע דאָ צוריק, לויפן אַריין אין דער נעסט, ווי קינדער, וואָס שפּילן זיך. אַמאָל ברענגען זיי נאָך צו זיך געסט פון אַנאַנדער טויבנשלאַק.

איידער דאָס יאָר איז אַריבער, איז שוין באַ אונז געווען טויבן אָן אַ שיעור, אָן אַן ערך. אפילו די טייבעלעך, באַ אונז געבוירן, האָבן שוין אַליין אויך געהאַט טייבעלעך, און אַז איך בין געגאַנגען פון חדר און ערגעץ אָנגעטראָפן אונזערע טויבן אַפן מאַרק, האָב איך נאָר געדאַרפט אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט, ווי איך וואָלט זיי געדאַרפט געבן עסן, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן צו פלאַטערן אַרום מיר מיט די פליגל. איך בין געגאַנגען אַהיים, און די טויבן נאָך מיר. עס איז שוין געווען אַזוי פיל טויבן, אַז מען האָט שוין אָנגעהויבן מאַכן אין זיי סמנים, און זיי אָנרופן מיט די נעמען; איינער האָט געהייסן „דער פּרעסער“, אַנאַנדערער „דער פּוילער“ און אַ דריטער „דער מלך“ און אַ פערטער דער „חתן־בחור“; דעם ערשטן פּאָרל, וואָס האָט שוין געהאַט אייניקלעך, האָט מען גערופן „דער זיידע מיט דער באָבע“ און אַלע וואָך זענען צוגעקומען פרישע, יונגע טייבעלעך, און אַז מען האָט צוגעבויט אַ נעסט, האָט זיך באַלד אַהין פאַרקליבן אַ יונג פּאָרל, און האָט גענומען טראָגן שטרוי און פעדערן, און עס איז שוין דאָ פרישע אייעלעך, און באַלד וועלן זיין נאָך טייבעלעך.

ווער ווייסט, וויפיל טויבן עס וואָלטן זיך באַ אונז געווען פאַרמערט, ווען ניט דאָס, וואָס מען האָט איינמאָל, אין אַ ווינטער־נאַכט, פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס טירעלע פון דאַך. איבער נאַכט האָבן די קעץ דורך דעם אָפענעם טירעלע זיך פאַרקליבן אַפן בוידעם, צעבראָכן אַלע אייעלעך, צעוואָרגן דאָס יונגוואַרג, צעביסן דאָס קליינוואַרג; יונגע טייבעלעך זענען פאַרפרוירן

געוואָרן, אַזוי גיך, ווי די טויבן האָבן אויס מורא פֿאַר די קעץ פֿאַרלאָזן די נעסטן, און טייבעלעך, וואָס האָבן נאָך ניט געקענט פֿליען זענען אַרונטערגעפֿאַלן פֿון בוידעם אין דער פּראָכאָזשע. און זענען דער׳הרג׳עט געוואָרן — דער חורבן איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען איז אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, איז געווען תשעה־באב אין שטוב. דער טאַטע האָט זיך געשעמט צו וויינען, האָט ער פֿאַרביסן די ליפּן און געזיפֿצט. די מאַמע האָט געבראָכן מיט די הענט און גע׳טענה׳ט, אַז זי איז שוין קראַנק פֿון די טויבן... זאָל שוין אַמאָל נעמען אַ סוף צו די טויבן... זאָל מען זיי שוין בעסער אויס׳שחט׳ן, איידער די קעץ זאָלן זיי אויס־ווארגן... ווארום קעץ, אַז זיי פֿאַרקלייבן זיך און זעצן זיך אָן, וועט מען זיי שוין ניט אָפּטרייבן...

פֿון יענער נאַכט אָן האָבן זיך אָנגעהויבן צרות מיט די טויבן: זיי האָבן אָנגעהויבן פֿאַרפֿאַלן ווערן, ניט אַהיימקומען אַף באַנאַכט, און ווען אַן „ער" איז אַפֿן צווייטן אָדער דריטן טאָג יאָ אַמאָל געקומען צוריק, איז ער אַף מאָרגן ווידער אַוועק און נאָך מיטגענומען מיט זיך די „זי" און, אַז ביידע זענען אַוועק, זענען זיי שוין קיינמאָל אַהיים ניט געקומען. די געבליבענע טויבן. זענען אומגעגאַנגען ווי פֿאַרזאָרגט, באַטריבט, ווי זיי וואָלטן עפּעס תמיד דערוואַרט אַ נייעם איבערפֿאַל פֿון מערדערישע קעץ, וועלכע מיר האָבן אַלעמאָל שוין געמוזט היטן און טרייבן, וואו מען האָט נאָר ערגעץ דערזען אַ קאַץ, אַפֿילו אין דרויסן, אַ מייל פֿון טויבנ־שלאַק, האָט מען די קאַץ געיאָגט, געטריבן, גע׳ממית׳ט, אָבער קיין גוטן סוף האָבן שוין די טויבן באַ אונז ניט געהאַט. זיי זענען זיך צעפֿלויגן, און אַפֿן בוידעם זענען איבערגעבליבן ליידיקע שטיבלעך, וואָס ווען מען איז אַרויפֿגעקומען, האָט געריסן דאָס האַרץ אַ קוק צו טאָן; ווי אַ חרוב־געוואָרענע שטאָט נאָך אַן ערד־ציטערניש, האָבן זיך אַפֿן בוידעם געוואַלגערט איבערגעקערטע נעסטן, און האָבן נאָך אַ לאַנגע צייט דערציילט פֿון דער גרויסער גדולה, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אונזער הויז, ווען מען האָט אַריינגעזעצט די טייבעלעך אין די נעסטן.

* * *

אַנאַנדערש מאָל וועל איך אייך דערציילן נאָך אַ מעשה, וואָס האָט מיט מיר געטראָפֿן אין קאַליפֿאָרניע, אויך אַ מעשה מיט טייבעלעך.

זעקס־און־נײַנציק

י. ל. מאלאמוט

געזאמלטע שריפטן

(יובילײ־אויסגאבע)

~~~

ערשטע אויפלאגע
צװײטע אויפלאגע
דריטע אויפלאגע

~~~

פארלאג מאלאמוט
ניוארק, 1933

Copyright 1933

By VERLAG MALAMUT
101 West 56th Street
New York, N. Y.

18
JERSEY PRINTING COMPANY
BAYONNE, N. J.

דריטער בוך

רעציטאַציעס

סניטקיוו

(אָבער אויך גאַנץ אוקראַינע
אין די אידישע שטעטלאַך).

פאַרטראָגן ניט פאַרבאָטן,
נאָר מ׳דאַרף קענען „עברי“

א פרימארגן
פאר אַ יאריד

אין בית - המדרש

פרימאַרגען פאַר אַ יאריד

א

אַ פּיצל שטעטל אין פּאָדאָליע,
סניטקיוו הייסט עס, שמ׳ט מיט בלאָטעס,
אין די בלאָטעס שטעקן שטיבלאַך, חנ׳ודיקע גריבלאַך,
ניטאָ קיין גאַסן, קיין בולוואַרן,
נאָר טאַראַוועצע, שטאָט טרעטואַרן,
וואו צעשפּרייטע מעלה־גירה־דיקע ציגן,
פרום־באַבערדלטע ליגן,
גלאַט זיך אַזוי, קייען דאָס שטרוי,
פון סניטקיווער דעכער, אַביסעלע העכער.

ב

אין אַ מאַרק־טאָג, קולות, יללות,
דרייען זיך אידן, צעלאָזן די פּאָלעס,
מ׳נישטערט, מ׳קלעטערט,
מ׳ציטערט, מ׳פּלאַטערט,
מ׳טאַפּט איינס און צוויי,
די הון וואָס מען דינגט,
צי האָט זי אַן איי.
מ׳צאַפּט דזשעגאַכץ און סמאַלע,
מ׳כאַפּט הינער אין פּאָלע,
אַ קאַטשקע, אַ גענדזל,
ציבעלעס א קרענצל,
אנטשערעס מיט טעפּ,
קאַצאַפּעס מיט צעפּ,
און בעטלערס האלב בלינדע,
מיט גראָבע באַנדורעס,
אַלץ אָנגעלאָפן, און געטראָפן
צו דעם יאריד, פון סניטקיווער איד.
אלע טאָג כאור הבוקר,
דאַוונט סניטקיוו צוויי מנינים,

ג

דאַנקט דעם בורא פאַר זיין תורה,
זיין גנאָד און געבאָט,
און פאַרן עמוד שאָקלט זיך
באַם ערשטן מנין פונם צעך,
משה באַנדער מיט א קול פון בלעך.
אריין אין שול דער ערשטער,
האָט ער זיך באַוואָרנט,
שטייט ער שוין באַם עמוד,
דאַוונט שוין פון פאָרנט.
הערט ניט וואָס, ווייסט ניט ווען,
אָבער פאָרט—אידישער ברען,
שלעכטע עברי, טערפקע ווערטער,
דערפאַר אָבער קלאַפּט ער צו,
טרעפט ער וואו ניט וואו,
צום טאַקט מיט אַ קנאַק,
ווי איבער האָלץ מיט אַ האַק.
געסאָפּעט שווער באַם איינשפּאַנען זיך
אין טלית און אין תפלין,
זעט ער אויס ברוין און בלאַס,
האָט געהאָרעוועט נאָך שווערער
ווי ארויפצעשלאָגן רייפן אַף א פאַס.
נאָר וואָס העלפט דאָ די קונצן,
פארן עמוד דאַוונען, איז „דאַוואַי!“
אשרינו מה- טוב הלקינו ומה-
נעים גורלינו ומה-
יפה ירושתינו א-
שרינו כשאָנו מ-
שכימים ומע-

(די ווייטערדיקע שורהס זענען די ווערטער אביסל צו שווער, היפּעט ער זיי אינגאַנצן איבער).

צום סוף דערפרייט ער זיך ווידער:
עס קומט אים אַנטקעגן אַ שורה מיט א גרויס וואָרט:
ש מ ע ישראל ד. אלוהינו ד. א ח ד ! ! ! ! !

כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם ווי נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט,
ווישט זיך דעם שווייס מיט דער האַנט,
באַ - אחד - בלייבט ער שטיין ווי באַ אַ וואַנט.
איצטער איז ער גלייך מיטאַלעמען.
קעגן-אחד-איז ניטאָ קיין קלענער, קיין גרעסער.
טראַכט ער: שוין! דאָ איז דער סוף!
איי, איי, רבונו של עולם, אוי, אוי,
שיק עפּעס צו אַ גוטנקען גוי,
מיט אַצעטרוקנט פּעסל,
אויפצעשלאָגן אַ פּאָר רייפן,
אָף פּרנסה, גאָטעניו,
איי פּרנסה, ...
אין שול איז טויט שטיל,
פּרנסה פעלט אַלעמען,
ניטאַ קיין ווערטער מער,
אַרויסרעדן איז שווער,
מענטשן לעכצן, זיפצן, קרעכצן:
— איי, איי, איי,
— אוי וויי, אוי, אוי,
אָך, אָך, אָך, עך!
איינעם אַ אידן,
איז שוין גאָר ביטער,
עס דערגייט שוין ביזן ביין,
וואַרפט ער אַראָפּ פון זיך די בושה
און פאַרגייט זיך אין אַ געוויין.
פאַרגלאָנצט די אויגן צום אָרון-קודש,
צום פּרוכת מיט די ספרי תורות,
און צעוויינט זיך דוקא
וואו מען דאַרף ניט—
באַ: פּטום הקטורת . . . . . .

ד

נאָר צו - הודו - באַם עמוד,
מאיר הירש דער מלמד
צעטרעלט זיך, צעקוועלט זיך,

מליצה, כוונה, אַ גוואלד, אַ סכנה,
זים, מיט א קולכל פון אַ יונג הענעכל,
צעזינגט זיך אַזוי:
— הודו לאדוני קראו בשמו,
הודיעו בעמים עלילותיו.......
שאָקעלט זיך בא יעדן זייטל,
ווי באם קנעלן מיטן טייטל,
עס גייט א דאַווגען, א מזמור,
און ער טראכט זיך: זעט, אידן:
איר שיקט דאָך מיר קינדער, צניפלאָך,
בין איך אייך א דרדקי מלמד, וואָס דען?
אָבער אין תוך גערעט, איך אליין, איך קען....
איך קען, אי פירוש המלות, אי נוסח,
איך קען, איך קען, א סך....
און איידער שוסטערס, שניידערס,
שפּאַנען אוים פון זיך רציעות,
תפלין און טלתים,
איז שוין פול די שול מיט אידן, חסידים,
וואָס שמועסן פון אַ וואַזשנעם ענין,
חסידים גרייטן זיך צום צווייטן מנין.

ה

דאַוונט איציק סופר,
מיט א קול פון שופר,
מיטן טלות איבער קאָפּ,
פייער, ניט קיין ווערטער,
פליעט ווי גאלאָפּ,
— איי, איי, איי,
— אוי, אוי, אוי,
און דאָס דאַווגען פליעט אַזוי:
— אשרינו מה טוב חלקינו,
ומה נעים גורלינו,
ומהיפה ירושתינו,
אשרי ———— נו
כשאָנו משכימים ומעריבים

בבתי כנסיות ובבתי מדרשות,
ומיהדים שמך בכל יום תמיד
פעמים באהבה ואומרים:
ש-מ-ע יש-ר-אל אדו-ני אלו-הי-נו
אדו-ני א———ח———ד !!!!!
בא אחד ווערט ער אינגאַנצן ניט.
ס'איז דאָ אַ גאָט, א תורה האָט ער געגיבן,
איז ער מקבל דעם עול תורה,
עס איז גוט, עס איז וואויל,
ווען ניט די תורה, וואָס וואָלט ער,
איציק סופר, אינגאַנצן געטאָן אױף דער וועלט?
צו הויכער שמונה עשרה
פאַרגייט ער זיך אין אַ תענוג,
עס איז אים זיס ווי האָניק,
ווידער הייבט ער אָן מיט זיין איי, איי:
— אדו-ני צב———אות
מלא כל האָרץ כבו———דו
לעומ-תם משבחים ואומרים.
— איי ברוך כבוד א-דוני
— ממ—קו——מו———
בא ממקומו, איז ער שוין אין הימל,
און בא - ובדברי קדשיך—
זעט ער שוין א פייערדיקע תורה,
געשריבן מיטן אצבע אלוהים:....

ו

דער פרימאָרגן פאַרן יאריד
ליגט אויסגעצויגן אפן פנים
פון יעדן סניטקיווער איד.
איבער דער שול שפאנען אידן
שוואַרץ ווי די ערד,
פעק מיט דאגות אױף די פלייצעס,
באָרגן גמלת חסדים, גיבן זיך עצות,
מ'לויפט אין אַ מישמאַש, א זיגזאַג,
אַהין און אהער, אוי פרנסה,
ס'ביטער, ס'שווער.

שדכנים און מעקלער פון ווייץ און פּאַלאָווע,
אפן מאַרק סאַמאָוואַרן מיט טיי און מיט קאַווע,
קלייען און רעטשקע, האָבער און סיעטשקע,
קאַלך און מעל, מ׳דאַוונט אף שנעל,
מ׳מאַלט ווי אין אַ מיל,
נאָך מער ווי אין מאַרק
איז יאַריד שויל אין שול.
— בּ־ך תה ני לי־מך, עולם
שלא סאני עבד
— בּ־ך תה ני לי־מך עום
שלא סאני נוי.
— בּ־ך תה־ני לי־מך־ עולם
שלא סאני אשה.....
פלוצלינג וואַקסט אויס אַ פרעמדער איד,
מיט אַ בּאָרד ניט שוואַרץ, ניט ווייס,
ניט געל, ניט רויט,
נאָר סתם פאַרחשכט פון אייביקע דאגות,
און דחקות אין בּרויט.
געקומען אַ פּנים פון מרחקים,
אזש יאַלטושקיוו,
פּרוּבּירט מזל היינט
אין סניטקיוו.....
אַמאָל האָט דער איד געהאַט נדן,
און קליידער, שבּתדיקע,
צוויי קאַפּאָטעס,
היינט, שוין לאַנג דעם נדן
אויסגעהאנדלט,
די שבּתדיקע קאַפּאָטעס אויסגעטראָגן,
די מסחרים טראָגן אפילו ניט
אף קיין וואָכעדיקער קאַפּאָטע,
געווען אַמאָל א יודע ספר,
שפּעטער געוואָרן א מוכר ספרים,
היינט—שוין א פּאַקנטרעגער.
פאַרט א יום־טוב־דיקער דלות,
מ׳פאַרקויפט אַמאָל א ספר תורה,

אַמאָל אַ נייעם טלית.....
טראָגט ער אינדערוואָכן
אָן אָפּגעבליאַקעוועטע,
זיידענע קאַפּאָטע,
האָט זי שוין אַ פּנים
פון אַ שבת-דראַנקע,
גלאַנצט און טאַנצט אַרוים
פון איר דער דלות און שלים-מזל,
אַרים פון פאַרנט, וואָס פּאַסט זיך זער
צום פּנים פון דעם אידן,
וואָס איז שטאַרק פאַרצאָרנט.
אין די גוטע צייטן,
אפשר נאָך אַף קעסט,
האָט דער איד געהאַט
חזקה תמיד,
צו דאַוונען שבת, יום טוב,
אין יאַלטושקעוו פאַרן עמוד.
דעמאָלט איז דער טלית נאָך געווען
שפּאָגל ניי, דאָס פּנים לויטער,
אָן אַ דאגה, איז שבת'דיקע געזאַנגעלע
געלאָפן מיט גדלות, אַרויף, אַרויף,
מיט אַ פלאַם, און מיט טעם:
— בפּי ישרים תתרומ———ם
— ובשפתי צדי—קים תתב——רך
— ובלשון חסי-דים תתק——דש
ובקרב קדושים תתה—ללל!
היינט—שוין לאַנג אַ נע-ונד-ניק,
דאָס פּעקל האָט שוין אונטערגעבויגן די פּלייצע,
צעריסן די קאַפּאָטע, האָט שוין אין יאַלטושקעוו
לאַנג פאַרן עמוד ניט געדאַוונט,
האָט זיך אין אים דערוועקט אַ חשק
כאָטש דאָ פאַרן יאריד
צו ווייזן וואָס ער קען....
איז ניט פאַרן עמוד,
זאָל זיין פאַר אַ שטענדער....

א פאַטש מיט דער האַנט,
זאָל זיין כאַטש א קדושה - וברכו....
נאָכאַמאָל אַ פּאַטש איבערן שטענדער,
אַ לויף אין פּאָרויס,
ווי איינער רעט:
אידן, אידן, הערט אוים!
איך קען... איר וועט זען!
ער צעשאָקלט זיך, צעוויגט זיך,
און מער ווי געדאַוונט,
ער צעזינגט זיך:
— ברכות והודאות
לשמך הגדול והקדוש
ומעולם ועד עולם
אתה אל.
נאָר דאָ פאַרגעסט זיך דער איד,
אַז ער איז אין סניטקיוו
אין אַ פּראָסטן דינסטיק,
פאַר א יאָריד,
און במקום נוסח פון דערוואָכן
פון א פּראָסטן —קדושה-ברכו-
צעלעגט ער זיך אף טעלערלאַך,
ביז גאָט צו דאַנקען.....
ער איז פאַרקראָכן
אין דעם יום-טוב-דיקן נוסח:
דערהערן אידן אַז דער אורח,
נעביך, בלאָנדזשעט אַרונטער
פון שטייגער, און וואָגלט
אין נוסח פון עולם הטועה,
איז דאָך שוין פשוט
א חרפה, א בזיון,
קלאַפּט מען אין שטענדערס,
מ׳צעטראָגט דעם באַלעמער,
— נו, אָ, אי נו, הא!!!
חלול השם, נוסח, הא, שא!!!
באַגיסט דעם יאָרידניק אַ שוויים
שוין א קאַלטער,

צעטומלט דערפילט ער, אַ שרעק,
אָט, אָט פאַלט ער....
ער ווייסט שוין, ער זעט שוין,
ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט....
פאַרלירט ער אינגאַנצן דאָס לשון, דאָס קול,
שטייט ער און קלערט צו זיך, — בקיצור, הכלל,
— מער וועט מען שוין קיין סניטקיוו
אױף יארידים ניט פאָרן,
שטייט אין אַ ווינקל א אידל, א לץ,
און קלערט זיך: אויב אזוי,
איז דאָך דער אורח
אן עם-הארץ, א גוי....
און אַזוי ווי דער אורח
פאַרנויגט זיך: ב-ר- כו-
ענטפערט דער לץ א יום-טוב-דיקן:
— איי איי איי, איי איי....
— הא הא הא-הא הא הא....
— איי איי איי איי איי איי
ענטפערט דער פרעמדער שוין בעל כרחו
אױף דעם יום-טוב-׳דיקן -ברכו:
— את א-דו-ני המ- בו———רך....

ז

דערנאָך לויפט מען שוין צוריק, פאָרוים,
מען זאָגט-עלינו- מ׳שפּייט אוים,
מ׳לויפט, מ׳פליט, א קליינינקייט,
היינט אין סניטקיוו א יאַריד,
וויקלט מען רציעות,
ווער אראָפ, ווער ארויף,
יעדער איינער יאָגט זיך,
אן עק, א סוף.
מ׳שטופּט זיך אין די גאַסן,
איינער קייט די באָרד,
אַ צווייטער שלינגט די סלונע,
נישטאָ קיין צייט, אזוי פיל זאַכן,

אזוי פיל גויים אַנגעלאָפֿן,
קויפֿן, בייטן און פֿאַרקויפֿן,
איידער אין די שענקן, די ערלים
וועלן זיך צעלויפֿן.
ניט געבליבן קיינער אין די חורבות,
אַלץ און אַלעס איז אַף טעראַווועצע,
און איבער די קולות פֿון די אידען
וואָס דינגן זיך מיט גויים
שרייט אַריבער אַ ווילד קול
פֿון אַ שטייג מיט הינער:
— קוואָ, קוואָ, קוואָ, קוואָ, קוואָ,
— קוואָ, קוואָ, קוואָ, קוואָ, קוואָ,
נאָר אַ קאַטשקע, אַ גראָגער, קליגערט זיך
און יאָגט נאָך מער אַריבער די הינער,
— קאַ, גאַ, גאַ, גאַ, גאַ!!!!
וואָס איז דאָ, וואָס איז, שאַ, שאַ!
— עפּעס איינע אַליין אַפֿן יאַריד, האַ?!!!
און אַ יונג הענדעלע וואָס לערנט זיך קרייען
אַ גאַנצע וואָך אין דאָרף דעם ערשטן מאָל אַפֿן יאַריד,
דערפֿילט עפּעס אַז הינטער די פֿליגעלאַך
עס ציט און עס בריט,
שטעקט עס אַרויס אַ לאַנג ווייס קעפּל,
מיט אַ רויטן קעמעל, ציט אויס דאָס העלדזל
דורך די גראַטעס פֿון דער שטײַג,
אַז עס איז אַף דעם אַ גאַנץ רחמנות,
אָבער ער פֿירט אויס זיינס:
און צעלאָזט זיך ווי כוהנים דוכנען:
— קו-קו-רו-רו-רו-ו-ו-ו-ו!!!
שוין! ער קען שוין די גאַנצע תורה!!!
איז נאָכאַמאָל: קו-קו-רו רו רו!!!!
דערווייל האָבן לעמער דערשמעקט
אַז זיי זענען אויך מחותנים אַפֿן יאַריד,
נאָר עפּעס געפֿעלט זיי ניט,
דער קצב, דער איד....
אַ באָרד אַ רויטע, אַ שטיק פֿייער,

ווי בּא אַ גזלן, דערצו נאָך אַ גראָבּער בּויך,
און אויגן ווי בּא אַ פּעטן אָקס,
האָבּן לעמער זיך צענויפגערעט,
און אַלע ווי אין כאָר:
— מע, און מע, הכלל, נאָכאַמאָל - מע!
שטייט אַ קו בּא אַ וואָגן אָנגעבּונדן,
און מעלה - גירה׳ט שטרוי,
ענטפערט זי אַף איר שטייגער,
גייט, נאַרישע לעמער, ניט אַזוי!
אָט וועל איך אייך ווייזן,
נאָך גוט וואָס איך בּין דאָ,
— מו - מו - ו - ו - ו!!!!
פּונקט ווי זי וואָלט לערנען,
קעלבּלאַך קמץ אלף,
און דאָס בּהמה׳שע קול
שניידט זיך איין אין הארצן,
ווי דער שאַרף פון חלף.
און פּונקט אין אַזאַ פרימאָרגן
האָט אַ גוססע נשמה אויסגעהויכט
די לעצטע כּחות, פריי געוואָרן
פון אַלע זאָרגן,
טראָגט זיך פון דעם טהרה - שטיבּל
אַ יאָמער און אַ קלאָג,
בּאַגלייט פון אַ כאָרכלענדיק קלינגן
פון אַ פּאָר קופּערנע מטבעות,
אין אַ צעטשערבּעט ערדיש טעפּל:
— צ- ד- ק- ה- ת- ציל מ- מ- ות!
עמיצער איז שוין געקומען צעפאָרן פונם יאַריד.

אימפּראָוויזאַציעס

איציק זיסיע

אַ איד, וועמן איך האָב געקענט
אין מיינע קינדער־יאָרן,
איז ער עד היום פאַרבליבּן
איינגעקריצט אין מיין זכרון,
איז שוין היינט אין ליכטיקן
גן עדן,
אינײנעם מיט מיין עלטער־
עלטער־זיידן.

דערמאָן איך זיך אין איציק זיסיען,
פיל איך: אָט, אָט, גיי איך ניסן.
פון דער טאַבּאַקע און קעראָסין,
פון דעם דזשעגאַכץ און טוטין.
אַ איד אַ סוחר, מיט אַ סקלאַד,
אַ גרויסן, וואָס פאַרמאָגט
אַזוי פיל סחורה, אַז האלטען
מוז ער זי אינדרויסן....
אַ קופּע אייזן, רעדער צו אַ וואָגן,
אַ פעסל קעראָסין,
די קעפּלאַך אויסצעצוואָגן,
פיש־אייל פאַר דער שקאַרלעטינע,
ריצנאייל פאַר (מ'טאָר ניט) מאָגן.

נאָר פּאַמעלאַך, פאַרזיכטיק,
ווי איר גייט אריין אין קראָם,
ווייל אינעווייניק, בּאַ דער שוועל,
ליגט אַ שווערער, אייזערנער לאָם.

אָט דער לאָם בּרעכט איין, רייסן,
עס נעמט אַזש אָן אַ גרויל,
ס'שטעלן זיך אַדערן אַרום די שלייפן,
פיענע ווייזט זיך אַרום מויל.

הונדערט־און־זיבּנצן

הײנט די מעסטלאַך, און די וואָג,
עסכאַפּט אַזש אָן אַ מורא,
אַ שטײן, אַ פּוד, אַ מאָס, אַ קוואָרט,
ווי געשריבן אין דער תּורה....

אין אווינקל, כאַטש באַלעק זיך,
שטײט אַ זעקל מעליץ, מיט אַ היטל צוקער,
אַ זעקל זאַלץ, אַ סלאָי מיט שמאַלץ,
און אַ פלעשל בוימל,
אַ שקאַרמיץ מיט ראָזשינקעס,
מאַנדלען אָף ל״ג בעומר.

אַ טוצנד פײגן, אַ קעסטל ניסלאַך,
אָף אַ טישל, אַ צעבראָכנס,
האַלט זיך אָף טשקולת,
אָף דרײ אויסגעקרומטע פיסלאַך.

הײנט וואו איז דער צימרינג,
און דער געלער אינגבער,
זאַפרין און בשׂמים־נעגעלאַך,
שוואַרץ און רויטער פעפער.

און דער באָקסער האַרט ווי שטײנער,
באָקסער. באָקסער אָן אַ צאָל,
אָנגעקומען ערב חמשה עשר,
קײן סניטקיוו אַזש פון ארץ ישׂראל....

נו, און ציצית פאַרן ארבע כנפות,
בײנוויל פאַר די תפלין־זעקלאַך,
וואַקס און פאָדעם פאַר די קנײטלאַך־לעגן,
שטריקלאַך פאַר די פעקלאַך.

און אַז מען האַנדלט נאָך דערצו
מיט תבואה און מיט מעל,
איז אַחידוש וואָס דאָס פּנים
זעט שוין אויס ווי פאַרמעט־געל?

הונדערט־און־אַכצן

און אַז מ׳שלעפּט אָפּ צוואַנציק יאָר
פּודן מיט משאות טאַקע פֿאַרן איבערבײַסן,
מאַכט זשע ניט קיין טעות, מוז אפילו
אַ איד אַ ריז, סוף כל סוף זיך אונטעררײַסן....

דאָס קלײטל עפֿענט איציק זיסיע,
טאָג איין — טאָג אויס, כאור הבוקר,
אין קלײטל ענדיקט ער מעמדות:
— אודה לאל לבב חוקר.

אַ גליק כאַטש וואָס אין קלײטל
איז דאָ טאַבעקע צום שמעקן,
דערקוויקט זיך איציק זיסיע,
הא.... זיך ממש צום באַלעקן.

שטאָפּט ער אָן די ברייטע נאָז,
מיט די זעלבע פֿינגער,
וואָס געפֿאַרעט האָבן זיך
בײַ דעם פּלעשל בוימל,
אַ האַלבן קווערטל אָפּגעמאָסטן,
אויף צום בענטשען גומל....

פֿון די ריחות האָט איציק זיסיע
אָפּגעשפּאָרט אַן אייגן שטיקעלע קאַטאַר,
איז די נאָז פֿאַרלענגט און פֿאַנפּעט,
פֿרעכניעט, זידט, ווי אַ צעגליטער סאַמאָוואַר.

רק אַ ניט-דערשלאָפֿענער,
אויסגעפּרוּווירן פֿון דער קעלט,
פֿאַלט אַרײַן אין בית המדרש,
לעגט ער איין די וועלט.

הינטערן הויװן בײַ דער הרובע,
זײַן חזקה אויף אַן אָרט,
איז דער עולם גרייט שוין לאַכן
פֿון זײַן זאָגן צוואַנציק מאָל אַ וואָרט....

הונדערט־און־ניינצן

עס צעוואַרמט אים די הרובע,
ווי די תמוז־זון פון הימל,
און באַם דאַוונען פון פאַרנט
כאַפּט ער שוין געשמאַק אַ דרימל....

— איי, וזרקו, וזרקו, וזרקו, וזרקו,
— בני אהרון, וזרקו, וזרקו בני אהרון, וזרקו
את הכוהנים, וזרקו, על המזבח, וזרקו,
את דמם, דמם, דמם, וזרקו, סביב, סביב, סביב.

שלאָפט ער איין, ביז גאָט העלפט,
דער חזן קומט שוין אַזש צו תחנון,
דער בעל תפלה צעלאָזט זיך,
נעמט זיך בעטן רחמים:

— איי תעבור על פשע ותמחה אשם,
כיום ויתיצב עמו שם,
— איי תאזין שועתינו, ותק שיב מני מאמר,
כיום ויקראָ בשם ד, ושם נאמר....

פאַלן אידן אָן אַף שטענדערס,
אַף באַלעמער און אַף פענצטער,
זאָגט וידוי פאַר גראָשעדיקע חטאים,
און מען דאַוונט ווייטער....

נאָר אַז איציק זיסיע פאַלט אַוועק
צו תחנון אַף דער הרובע
אַף דעם לינקן עלנבויגן
פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַריבער,

הייבט ער אָן צו שוויצן:
— איי, תעבור, תעבור, תעבור,
תעבור על פשע, פשע, פשע, פשע,
תעבור על פשע, תעבור על פשע,
פשע, פשע, פשע, פשע, פשע, פשע,
תעבור, איי, תעבור, איי, פשע,

דערנאָך צעסאָפּעט ער זיך,
צעכראָפּעט ער זיך,
שלאָפט ער איין אפן עלנבויגן,
איינגעשלאָפן אַריבערגעבויגן.

אוי, אז מ׳וואָלט אים געלאָזן,
וואָלט ער זיך דאָ אויסגעצויגן,
אַ מחיה בא דער הרובע איינצעשלאָפן,
ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט אים געטראָפן....

ערב שבת

ערב שבת אין מיין שטעטל,
איז אַ רעש און אַ טומל,
עס זידט און עס קאָכט,
מ׳קנעט און מ׳באַקט,
ממש עס שפּאַלט זיך דער הימל,
דאָ באַקט מען חלה, דאָרטן פלעצלעך
צימעס פאַסאָליעס, מאלאי צום פאַרבייסן,
מ׳הייצט מיט שטרוי, און מיט קלעצלעך,
און אַז דער הויוון וויל ניט ברענען,
איז כאַטש זיך נעמען און צערייסן....

יאַרידניקעס מיט שווערע קוישן,
קומען אָן פון שטעט און דערפער,
פון וואַרכיווקע און ווערבאָוועץ,
פון זעגיווקע, קוראַשאָוועץ,
פון יאַלטושקעוו און ווינקאָוועץ
פון לוטשינעץ, יאַרמאַלינעץ,
מישטיינס געזאָגט, מסחרים,
אַ ביסל קלאָטשע און אַ פונט שטשעטינע,
וואָס מען דינגט אוים בּאַ אַן ערל,
אף חצי גוֹאיש, אידיש — פּאָלאָווינע.

פרומע אידן אין פאַראַסינענע זשאַקעטן,
מיט באָרד און פאות הינטער אָפּגעקראָכענע קאַשקעטן,
קומען זיך צושלעפּן מיט די קוישעקעס,
אַוועקגעשטעלט איבער שבת, טאַקע הינטער די בעטן.

מ׳ציילט אַף גיך דעם ריוח, גרויסע גליקן,
אַ גאַנצע וואָך געהאָוועט,
איצט ניטאָ אַף וואָס צו קוקן.
ערב שבת נעמט מען מעלקן ציגן,

הונדערט־און־צוויי־און־צוואַנציק

האָט ניט קיין פאַריבל,
פּירט מען ציגן מעלקן,
טאַקע אינם שטיבל.
און אַז גאָט העלפט
פאַרגלוסט זיך אַ אינגל, אַ ליץ,
פּונקט אין מיטן מעלקן, אַ דריי טאָן
דאָס ציגל פאַרן עק,
פאַרטשעפּעט זיך דאָס ציגל
מיט הערנער און מיט פיסלאַך,
נעמט ער שפּרינגען איבער בעטן, טישן,
אוי, געוואַלט, אַ שרעק!
דערפאַר, אָבער, וועט מען שבת
טרינקען מילך מיט ציקאָריע,
און אַף שבועות, מ׳זאָל דערלעבן
קעז און פּוטער אויסשלאָגן,
מ׳זאָל נאָר דאָס ציגל ניט געבן קיין עין הרע.

ערב שבת, אַ מחיה, ממש זיך באַלעקן,
חנאַ בעדער, ווי מיט טאָצן פּויקט,
מיט אַ שטעקן, אין אַ בלעכענעם בעקן,
מיט אַ פאַראַד, גאַסן-אויס, גאַסן-איין,
פּויקט און רופט: אין באָד אַריין......

אַ גאַנצע וואָך, ניט צו פאַרזינדיקן,
האַלט מען אין איין דרייען מיט די פּלייצעס,
מ׳קראַצט זיך באַ דער הרובע, באַ אַ וואַנט אין מאַרק,
מען איז ניט מערער ווי אַ מענטש, גיט מען זיך שוין **עצות**...
אָבער פרייטיק, גאָט צו דאַנק,
כאַפּט מען זיך אַרויף אַף אייבערשטער באַנק,
מיט אַן אָנגעזייפטן בעזים, צום פאַרטשיק,
נאָך נאָך, איי, איי,
געוואַלד, געוואַלד, דאַוואַי, דאַוואַי!!!

איצי נגיד, מיט אַ פּעסל שמאַלץ, במקום בויך,
פרעגלט זיך באַזונדער, אין אַ הייסן ביטל,
יאַשט זיך, מיט אַן אָנגעזייפטן האַנטוך,

האָט הנאה ווי פון אַ פעטער יוך......
נאָך יעדן טונק אין ביטל וואַסער, מיטן האַנטוך
לאָזט איציע אַרוים אַ קרעכצעלע, אַ לעכצעלע,
— הו, האַ, הו, הו, הו! האַ!!!
העי, קבצנים, דאָרטן, אַף דער אייבערשטער באַנק,
וואָס איז דאָרט פאַר אַ טומל, זע נאָר, הא?
זאָל נאָר זיין אַ ביסל שטילער, העי, שאַ!!!
און אַז איציע נגיד פרעגלט זיך אוים אין הייסן,
ווי אַ פעטער צימעס, דאַרף ער ערשט דערנאָך פאַרבייסן
מיט אַ קאַלטן שעפל וואַסער, אפן האַלז און נאַקן,
וואָס פאַרשפריצט דאָס גאַנצע מרחץ, און טרעפן טרעפט עס
מערסטנס אָרעמעלייט, ערשט אַריין, זיך אויסגעטאָן
במחילה מוטער-נאַקעט, שטייען די פאַרשפריצטע אידן,
ציטערן און פלאַטערן, אוי, אוי, הערט אויף,
— האָט רחמנות — געוואַלד ס׳קאַלט!!!
און איציע, מיט אַ שמייכעלע, נגידיש,
גדלות׳דיק וויצלט זיך:
— זע נאָר, זע נאָר אַ ירגזון,
— גלייך מ׳וואָלט אים אָפגעביסן!...
אַ איד, א בעל מטופל, פירט די אינגעלאַך
צום שמייסן, נאר אינגעלאַך, אלע אינגעלאך
ווילן ניט, מ׳זאָל פון זיי פאַסעם רייסן.
שטייען אינגלאַך איינגעבויקערט,
אָנגעכמורעט ווי צעהויקערט,
שטורכעט דער טאַטע מיט די עלנבויגנס,
— גיכער, אַרויף שוין, נו, איך היים!!!!!
נאָר דאָס אינגל צעקרומט זיך, און פכומקעט:
— טאַטע, כ׳האָב מורא, טאַטע, ס׳איז היים!!!!!

און אַז אין מיטן פונם אויפגיסן
אַף די פליטעם הייסע פאַרע,
צעעפנט זיך אַ טיר פון דרויסן,
זעצט אַ קאַלטע לופט ווי כמאַרע,
צעיאָכמערט זיך אַן אָרעמאַן,
גלייך מ׳וואָלט אים דאָ באַ׳גזל׳ט:
— אוי ווי איז מיר, גיכער, גיכער.

האָט רחמנות, פֿאַרמאַכט די טיר! .....
ערגער ווי דאָס אויסטאָן, איז טויזנט מאָל דאָס אָנטאָן.
איינעם האָט מען פֿאַרביטן אַ שקאַרפּעטקע,
אַ צווייטן פֿעלט דער טלית קטן,
כאַטש נעם און שריי געוואַלט,
אַ דריטן פֿעלט די יאַרמולקע,
זידלט ער דעם בעדער, וואָס איז דאָ, אַ מרחץ,
צי איז מען אין אַ וואַלד?

און אַז גאָט העלט אַ שלעכטער וועטער,
אַ רעגן, צי אַ ווינט, נעמט גאָר קאַפּען פֿון דער סטעליע,
און עס טוט אַ טריף אַ טראָפּן, אַ שטיק פֿייער,
טוט עס אַ ברען און אַ בראָט, עס דערנעמט דער זיבעטער
הויט,
נעמען פֿאַרשווינען זיך פֿאַרקרומען, אוי, עס ציט, עס בריט!
אָדער עס ווערט אַ טשאַד, טרעפֿט אַ מרחץ איז ניט געראָטן,
ווערט פֿינצטער אין באָד, טאַפּט מען די ווענט,
איז אַמאָל פֿאַרקריכט מען צו יענעם אין באָרד מיט די הענט,
פֿאַטשט דער שכן איבער פֿלייצע: זייט זשע מוחל פֿעטער,
— איר האָט ניט וואָס צו טאָן, קריכט אַף די ווענט! ...
און אַז אַ אינגל ווערט אַ חתן,
וועט ער שבת קריגן מפטיר,
איז ער פֿרייטיק שוין אַ יחסן,
מיט אַ בעזעמל אין לופֿטן וואַרפֿט ער.
די גאַנצע וועלט איז זיינע,
דאָס בעסטע בעזעמל, דאָס שענסטע ביטל,
די אויבערשטע באַנק, אַ ניי העמד,
אַ מחיה, שמחה וששון, נאָר איינמאָל
אין לעבן ווערט מען אַ חתן...

צוריק פֿון מרחץ לויפֿט מען אויפֿגעיורן,
ווער צעהיצט, און ווער דערפֿרוירן,
אַלע איילן זיך און יאָגן,
אַ בזיון אויסצוזאָגן,
פּונקט ווי עפּעס אָנגעוואוירן,
גלייך אַן אוצר ערשט פֿאַרלוירן.

באַלעבאַטישע אידן שניידן זיך נעגל
איינס איבער צוויי,
און אין איילעניש פאַר ליכט-בענטשן,
כאַפּט מען איבער, גלאַט אַזוי,
צימעס פאַסאָליעס מיט אַ גלעזל טיי.
און אַז אַלע לאָקשענע קוגלען מיט דער פאַטשע,
שטייען שוין פאַררוקט אין טשאָלנט,
און פאַרקלעפּט מיט געלן ליים, שיקט מען אינגלאַך
צום ווײַנשענקער, נאָך קידוש ווײַן,
און וואָלף זעליג שמש, ציקלט זיך און רופט:
אין שו——ל אַריי——ן!!!!!!

שקצים זאל זיין שטיל, מ׳לייענט אין דער תורה.

דער בעל קורא אין מיין שטעטל
איז אַ מושלם בכל המעלות,
דאַרף מען אויפרופן אַ נגיד,
קען ער זיך פאַרגיין אין יעלות.
מ׳דערקענט שוין פון זיין טאָן,
ווען ער רופט פון ערשטער פאָן,
און גאָר אַן אַנדער טענדעלע פאַרמאָגט ער
פאַר אַן אָרעמער עליה פון אַ בעל עגלה אָדער שוסטער,
וואָס צעקלאַפּט די הענט באַם אויסקלאַפּן אַ שטיק לעדער.
דערפאַר אָבער מאַכט ער אַ זיס חנ׳דעלע, באַ ששי פאַר
רב די עליה,
און פאַרקרומען פאַרקרומט ער זיך ווי פון בויכווייטיק
ווען עס קומט צו רביעי, רופנדיק להבדיל דעם בלינדן
משה בעדער.
רופט ער אויף אַן אָרעמאַן, אַ קבצן, יורד, דלות,
פאַרשטאָפּ ער זיך אַליין דאָס מויל,
מיט אַ שטיקל ברעג פון טלית, מאַכט אַ מינע, אַף
צוקלומפּערשטן,
קכי, קכי, הוסט ער,
פונקט ווען עס קומט אים אויס אויפצערופן
צו דער תוחכה,
נו, איך פרעג אייך, זאָגט אַליין,
וועמען דען זאָל מען רופן,
אויב נִיט איציק שוסטער?

איז ווען עס קומט צו אַ פעטע עליה,
אין משפטים, צי בשלח,
רופט מען אויף צו ששי, און צו שלישי,
אַ גביר, אַ גלוח, אַ איד אָן אַ באָרד,
אָבער מיט אַ ניי טליתל, מיט אַ שפּיץ יאַרמולקעלע
און אַ סך חוצפה.

הונדערט־און־זיבן־און־צוואַנציק

רוקט זיך דער נגיד צום באַלעמער,
מיט גדלות, שפּאַרט אַוועק מיט עלנבויגנס
אַלע אידן פֿון די שטענדערס.
און אַז אַ גביר דאַרף מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה
איז קוים וואָס ער רירט מיט די ליפּעלעך,
פּונקט ווי ער טוט עמיצן אַ טובה, האָט ער מורא...
איז קוים וואָס ער שעפּטשעט, מורמלט ער:
— ברכו את אדוני המבורך (דאָס איבעריקע זאָגט ער נאָך
שטילער) אַ נגיד, אים פּאַסט ניט, מ׳זאָל הערן
זיין קול. באַ אים איז אַ רענדל אַ וואָרט .
קיינער הערט ניט וואָס ער זאָגט, נאָר אַלע כאַפּן
אונטער און באַמקען אים צו. (אַ נגיד איז אַ בטוח,
מען גלויבט אים אַפֿן וואָרט).
דערפֿאַר אָבער שרייט שוין דער בעל קורא פֿאַר אים אויך:
—אָ—מ—ן! ער לייגט איין די ווערט, פּונקט ווי ער
גייט אים דאָ אויסציילן אַן אוצר מיט געלט.
— וישא יעקב את עיניו, וירא, והנה עשיו בא,
ועמו ארבע מאות איש, ויחץ את הילדים על לאה ועל רחל
ועל שתי השפחות. אַ גביר האָט אַ מזל,
לייענט מען אים שלישי, מען גיט אים
אַ מעשה מיט צוויי ווייבער און מען גיט אים
נאָך צו צוויי דינסטן...
— והוא עבר לפניהם וישתחו ארצה שבע פעמים, ויירץ
עשיו לקראתו, ויקוד ארצה וישתחו ויבכו.
הכלל, אַ פיינע מעשה, וואָס ענדיקט זיך מיט:
— אשר חנן אלוהים את עבדיך.....
גבאי ראשון באַ דער רעכטער זייט פֿון שלחן,
באַ דער לינקער, גבאי שני, און די תורה נעבעך
אומשולדיק, אינדערמיטן, אַ צעעפֿנטע, אַ פּאַרקאַטשעטע,
ליגט און לאָזט זיך לייענען. וועמען ברכות, וועמען קללות.
איר אַליין איז אַלציין.
צוגעדעקט מיט אַ מענטעלע,
אַ נדבה פֿון האשה צנועה מרת דבורה,
ניט אויסגערעט זאָל זיין
אפשר טאַקע, פֿאַר אַ תשובה,
מישטיינס געזאָגט,

פאַר אַ שרעקליכע עבירה,
אַרומגערינגלט איז די תורה אַרום באַלעמער
מיט גבאים ווי סאַלדאַטן.
נאָר גבאים אין מיין שטעטל
קענען אויך זיין דיפּלאָמאַטן....
פּרשה יתרו צו עשרת הדברות,
פּונקט אין מיטן ששי, רופט מען אויף אַ רב:
— יעמוד, מורי-מורינו, הרב רב יחיאל,
בהרב מורי-מורינו, רב. משולם זיסיע, ששי!
און בעת מעשה, דער בעל קורא, אַליין אַ למדן אַ איד,
וואָס קען דעם יורה דעה,
קוקט אפן רב, קרייזלט זיך די פּאה.
כאַפּט דער רב, פאַרוואַרפט אַף זיך דעם טלית מיט דער
עטרה איבערן קאָפּ, לויפט צום באַלעמער,
און צעשאָקלט זיך מיטן טראָפּ:
— איי בר—כו את אדוני—המבורך,
ברוך—אדוני המבורך לעולם ו—עד.
אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו,
ברוך אתה אדו—ני———נותן, התו———רה...
און ווייל דער בעל קורא אליין איז אַ גרויסער בעל גאוה,
רוקט ער זיך אַריין צווישן דעם רב און דער תורה גאַנץ
בּרייטלאך,
און צעפלאַמט זיך באַם לייענען מיט אַ גדלות׳דיקער תאוה:
אַ———ממ———ן!!!!!
און ציילט אוים דעם רב די עשרת הדברות,
ער פאַסמאַקעוועט זיך און באַלעקט זיך:
וידבר אלוהים את כל הדברים האלה לא—מו———ר
— אָ—נו—כי אדוני אלוהיך, אשר הוצאתיך מארץ מצרים
מבית עבדים... לא יהיה לך, אלוהים אחרים על פּני.
לא תעשה לך פּסל וכל תמונה (פּזר) אשר בשמים ממעל (פּזר)
ואשר בארץ מתחת, און אַז עס קומט צו הייסן יענעם ניט
זינדיקן, איז דער בעל קורא א גרויסער ותרן אַף יענעמס
פּלייצעס, און ער זשאַלעוועט ניט און צעקרייעט זיך:
לא———תרצח, לא———תגנוב, לא תנאף....
לא תחמוד בית רעיך, לא תחמוד אשת רעיך, ועבדו ואמתו
ושורו וחמורו, וכל אשר לרעיך...

טאָמער איז נאָך ניט גענוג, מאַכט ער נאָך דעם רב אַ לאַנגן
— מי שבירך אבותינו אברהם יצחק ויעקב,
און ער צעציט דעם סוף - ונאמר————אמן.
הכלל, אַ מחיה צו זיין אַ רב, אַז מען נעמט אייך טיילן כבוד,
איז אָן אַ שיעור, אָן אַן ערך, און אָן אַ סוף...
דערפאַר אָבער, אַז גאָט העלפט אין מיטן זומער,
אַ סדרה פאַר במדבר, איז דאָ אַ שטיקל אין דער תורה,
אַן אַנטיקל אין דער וועלט,
קען מען זיך פון דעם ניט אויסקויפן
אפילו ניט מיט געלט,
ניט פאַר אייך געדאַכט, אין בחוקותי,
איז דאָ אַ שטיקל תוחכה, איר קענט זיך אָנשטויסן,
באַ דער סדרה טוט זיך חושך.
קולות, יללות,
ווייל אין תוחכה איז ניטאָ קיין לייטיש וואָרט,
חוץ חרמות און קללות.
שטייען פריער די גבאים און האַלטן זיך עצות,
אַף שטום-לשון. ניטאָ וועמען אויפצורופן...
דרייט מען מיט די פלייצעס,
אַוורעמל קורזשנער, אַ רחמנות,
האָט אַ ווייבל, אַ חולנית.
משה בעדער, אַ וואונדער,
אַ בעל מטופל, זיבן קליינע קינדער,
און דערצו נאָך אַ געשטראָפטער,
איז אַליין אַ בלינדער.
סיידן, טורקעט דער בעל קורא,
— לאָמיר רופן צו דער תורה,
נעמט ער שטאַמלען אַ פאַרהוסטער,
— לאָמיר רופן איציק שוסטער!
זענען מסכים די גבאים, תם-עוואַטע,
און דער בעל קורא מאַכט אַ פנים
פון אַ בעלעגאָלע, ווען די פערד
פאַרקראָכן זענען אין אַ טיפער בלאָטע.
נאָר אַז גבאים שטיצן דעם בעל קורא׳ם פלענער,
לאָזט ער זיך אַרונטער, בחפזון,
אַף הינטערשטע טענער:

— יעמוד רב איציק ברב נח רביעי....
ווערט אַ גערודער אין שול אימת מות,
אַ קליינקייט, תוחכה, אַ קאַטאַוועס!
און איציק שוסטער שטייט און צעגערט,
מאַכט זיך כלומרשט ווי געפּעגערט,
— תוחכה — ער האָט עס גענוג אַ גאַנץ יאָר...
אי דלות, אי דחקות, אַ מורא,
פאַרוואָס-זשע קומט אים נאָך די תוחכה פון דער תורה?
— מוחל, זאָל גיין, אַ שענערער איד!

הייבט מען אָן צו קלאַפּן אַף שטענדערס און באַלעמערס,
— נו, אַ-אי-נו, האַ! האַ-האַ-שאַ, שאַ!
פאַלט פון איציקן אַרונטער דער טלית,
וואָס איז האַלב שוין צעוואַלגערט אַף דער ערד,
ווי פון אַן אויסגעשפּאַנטן נאַרעווויסטן פערד,
דער טלית איז שוין אַזוי אַלט, אַז ער איז שוין געל,
ווי להבדל, די אַנדערע זייט פון אַן אַלטער פעל...
און די ציצית שטאַרק צעפּלאָנטערט,
ווי די שטריקלאַך פון א דראַטווע,
קיין יאַרמולקע האָט ער קיינמאָל ניט,
נאָר אַ היטל מיט אַ דאַשעק,
פאַרדרייט אַף הינטן...
ער ווייסט, מ׳האָט אים שוין צוויי מאָל גערופן,
צו דער תורה... נאָר ער האָט קיין חשק ניט.
תוחכה, אויך מיר אַ סחורה...
און ער מורמלט צו די שכנים:
— האַ, מיך, מוחל, ניין!
נו, וואָס איז, וויל איך ניט גיין!!!
נעמט עס רודערן איבערן באַלעמער,
קאָכט עס אין דער גאַנצער שול:
ביז דער גבאי ראשון, אַ שיינער איד,
דער גבאי, רב דניאל,
אָנגעצונדן פול מיט כעס,
לויפט ער פון באַלעמער זוכן איציק שוסטער,
וואָס ווערט בלאָ און בלאַס..
פרעגט ניט באַ איציקן וואָס און ווען,

נאָר ציילט אים אוים
איןביידע באַקן, אחת ושתים,
צעפלאַמט מיט ברען.
— הולטיי איינער, דיך גערופן צו דער תורה,
— וואָס הייסט, דו גייסט ניט, אַזאַ׳ן עבירה!
— נו, געגאַנגען, גיכער, איך היים...
און איציק שוסטער באַגיסט זיך מיט שוויים,
פאַרשעמט ווי אַ גנב, קוים וואָס ער רירט זיך,
קריכט צום באַלעמער, געפירט פון דניאלן,
ווי אַ געליימטער, צעשראָקן, ברומט ער:
— ברכו את אדוני המבורך, (די איבעריקע ווערטער הערט קיינער ניט, מען זעט נאָר ווי ער שאָקלט מיט די ליפּן.)
„מעניע, מעני, מעניע התורה...
איציק שוסטער שטייט ווי אַן ארעסטירטער,
פאַר אַ „מירעוואַי סודיא״,
און ביידע גבאים לעבן אים,
איינגעשפּאַרט אין די זייטן, ווי צוויי עדות,
און דער בעל קורא, מיט אַ צעדרינדזשעט קול,
אַ צעבראכנס, שטייט פון דער וויטנס,
באַם שפּיץ טיש, ער האָט מורא צוקומען נאָענט,
עס זאָל זיך אים ניט צוקלעפּן אַ שטיקל תוחכה...
הייבט ער אָן מיט ניט קיין היימלעך קול,
ווי בשעת אַן ערד ציטערניש,
ווי ער גייט דאָ פאַראורטיילן אַ מענטשן...
— אַף אַני אעשה זאת לכם, והפקדתי עליכם בהלה,
— את השחפת ואת הקדחת...
באַם וואָרט קדחת כאַפּט דער בעל קורא אַליין
אויך אַ ציטער... — מכלות ענים ומדיבת נפש...
באַ זיך אין האַרצן פילט ער זיך שוין שולדיק...
און טראַכט זיך: וואָס האָב איך געהאַט צו איציק שוסטער?
דאָס איינציקע וואָרט וואָס איציק שוסטער כאַפּט אויף פון דער תוחכה איז — קדחת...
שטייט ער אַ דערשלאָגענער און טראַכט זיך:
— טאַטע זיסער, פאַרוואָס? וואָס האָט מען צו מיר?
פאַראַן אַ פולע מזרח־וואַנט מיט שיינע אידן,
בעלי בתים, האָט מען מיך אויסגעקליבן, און מיר גיט מען

קדחת אין דער תורה... גבירים זענען בילעכער...
זיי האָבן כאַטש פּאַרוואָס צו קרענקען...
נאָר דערווייל האָט זיך דער בעל קורא שוין צעוואַרעמט,
שוין אַריבער דאָס קדחת, טוט ער זיך ווייטער זיינס,
זשאַלעוועט ניט, וואַרפט מיטן מויל, אַ קללה נאָך אַ קללה
פון דער תורה:
— והלכתי עמכם בחמת קרי, והשמדתי במותיכם,
— והכרתי את המניכם, ונתתי את פגריכם
— על פגרי גלוליכם, וגעלה נפשי אתכם...
אַ גליק וואָס איציק שוסטער קען ניט קיין פּירוש המלות,
ווייסט ער ניט פּינקטלאַך, וואָס מען האָט אים דאָרט
אָנגעווינטשעוועט,
שטייט ער צווישן דעם בעל קורא מיט די גבאים,
ציטערט און טראַכט זיך:
— רבונו של עולם, אַזוי ווי איך וויים ניט,
אַזוי זאָל מיר ניט שאַטן, ניט מיר, ניט מיין ווייב,
ניט מיינע קינדער.
די צווייטע ברכה כאַפּט ער אָפּ ווי מיט אַ מויל פול פייער,
וואַרפט זיך און שלינגט די ווערטער, ביז ער אַנטלויפט.
ער וויל אַפילו ניט וואַרטן אַף אַ מי שבירך.
און אַז איציק שוסטער
לויפט צוריק פון באַלעמער,
קומען אים אַנטקעגן שוסטער, שניידער,
זעט ער אוים באַ זיי אין די אויגן,
ווי אַ גרויסער למך, אַ שטיק נאַר,
לאַכן זיי פון אים, און ווינטשעווען:
— איציק, זאָלסט שוין באַהיט ווערן פון צער...

רקום געבוירן

(אַ מעשה פון ערגעץ־לאַנד)

אַמאָל, גאָר אַמאָל,
צוריק נאָך מיט יאָרן,
איז ערגעץ אַ אינגל
געבוירן געוואָרן.
האָט אינגל געהאַט
אַ גרויסן חסרון
באַם אינגל צו ברייט
איז געוועזן דער שטערן,
צו טיף און צו בלוי
זיינע אויגן —
געקוקט האָבן שטענדיק
צום הימל, אַהין,
וואו פייגעלעך זענען געפלויגן,
אַ האַרץ אַזוי ברייט
ווי עס טרעפט נאָר באַ ריזן
און הענטעלעך — דין
אַזוי ווי צוויי שפּיזן;
פינגערלעך שאַרף ווי די נאָדלען,
און אַ קאָפּ שטאַרק פאַררויסן,
צום הימל אַ שטאָלצער,
אַזוי ווי באַ נ׳אָדלער.
האָט זיך די מאַמע
געפילט ווי פאַרלוירן,
געזאָרגט און געזיפצט,
וואָס איר אינגעלע
קרום איז געבוירן.
דערווייל איז אַריבער
אַ יאָר שוין און צוויי —
שטעלט מאַמע דאָס אינגעלע
אַוועק און זאָגט: „גיי!“
פרעגט ניט דאָס אינגעלע

הונדערט־און־פיר־און־דרייסיק

וואָס און וואוהין,
נאָר גיט זיך אַ הייב
ווי אַ פויגל צום פליען,
קלאַפּט ווי מיט פליגל,
פּאַטשט מיט די הענט,
רייסט זיך און שפּאַרט זיך
גלייך אַף די ווענט.
אין שטוב איז געוואָרן
אַ רעש, אַ בהלה,
און מאַמע זי ווײנט
און קלאָגט — אַ יללה:
וואָס איז דאָ געשען,
וואָס איז דאָ פאַרלאָפן,
ניט אַנדערש אַן אומגליק
עס האָט זי געטראָפן —
דאָס קינד אַף דער ערד
אַ פוס וויל ניט שטעלן,
פליען אין הימל
אַ קינד זאָל גאָר וועלן...
מ׳האָט נאָך אַזוינס
ניט געזען, ניט געהערט
ניט אַנדערש, נאָר איר
איז אַן עונש באַשערט.
פאַלט איין דער מאַמען
אַ פּלאַן מן הסתם
פאַרשליסן דאָס אינגל
אין גראַטעס, אין צאַם.
הענטלאַך און פיסלאַך
מיט שטריק אים פאַרבונדן,
נאָר אינגל, ער שמייכלט
און לאַכט פון די וואונדן.
ער גיט נאָר אַ דריי זיך,
אַ ריס אַן די ווענט,
באַפרייט פון די שטריק
די פיס און די הענט.
רייסט זיך די מאַמע

פון קאָפּ אירע האָר,
פאַרשילט זיך דאָס לעבן,
באַוויינט אירע יאָר:
— אוי, סאַסאַ נ׳אומגליק,
ווי מיר און ווינד,
וואָס זאָל איך אָנהייבן
טאָן מיטן קינד...
עס רוט ניט, עס עסט ניט
און שלאָפט ניט באַנאַכט,
כסדר פון הימל
דאָס אינגל נאָר טראַכט,
און ווען אַף אַ רגע
מע קערט זיך נאָר אָפּ
שוין איז ער אין דרויסן,
פאַררייסט מיטן קאָפּ.
זעט ער אַ פויגל
איז דורכגעפלויגן,
לאָזט ער זיך לויפן
פייל אויסן בויגן,
פאַרקוקט זיך אין הימל,
פאָלגט נאָך מיט די אויגן,
וואַרפט אין דער לופטן
מיט הענט און מיט פיס,
אַזוי ווי צו פליען
ער גיט זיך אַ ריס,
טוט זיך אַ הייב
און באַלד גלייך אַ פאַל,
צעשלאָגט זיך, צעביילט זיך
נאָך יעדערן פראַל,
דערנאָך בלייבט ער ליגן
מאַכטלאָז, פאַרטראַכט,
אַרום שטייען מענטשן,
מע חוזקט, מע לאַכט:
אים ווילט זיך ניט אַנדערש
אַן אָדלער גאָר ווערן,
פליען צום הימל,

דערגרייכן די שטערן...
קוקן אלע אפֿן אינגל,
שפּאַט און חוזק אין די אויגן:
— ס׳איז די מעשׂה מיט זיין פֿליען
ניט געשטויגן, ניט געפֿלויגן!
אינגל איז אַ גרויסער נאַר —
שווערן אַלע בנאמנות
— און עס איז אַ גרויסער צער,
אַף זיין מאַמען אַ רחמנות! —
און די מאַמע
שטייט און בעט אים,
איבערן קעפּעלע
זי גלעט אים:
— זאָל שוין זיין גענוג
געריסן זיך צום הימל!
לייג זיך צו אַ ביסל שלאָפֿן,
כאַפּ אַמאָל אַ דרימל!
נאָר דאָס אינגל
וויל ניט הערן,
רק עס רייסט זיך
צו די שטערן
און ער וויל
אַ פֿויגל ווערן.
וויינט די מאַמעשי מיט טרערן,
נעמט דעם אינגעלע דערקלערן,
אַז זינט די וועלט אַ וועלט איז,
לאַנג שוין פֿעסטגעשטעלט איז,
אַז ווער עס רייסט זיך צו די שטערן
און ער וויל אַ פֿויגל ווערן,
שלאָגט זיך נאָר אַרויס פֿון שלאָף
און ער האָט אַ שלעכטן סוף.
ווער עס ציט זיך צו די פֿייגל
און צום הימל הייבט דעם קאָפּ,
נעמט אים שווינדלען פֿאַר די אויגן,
ביז ער פֿאַלט צוריק אַראָפּ.
און די מאַמע טיף באַדויערט,

זיצט און טראַכט צו זיך פאַרטרויערט:
ס'איז ניט גוט, ער איז פאַרלוירן,
ער איז טאַקע קרום געבוירן.

* * *

שוין אַוועק אַ סך מיט יאָרן,
אינגל איז שוין גרוי געוואָרן,
נאָר צום הימל אַלץ אים ציט,
ווען ער זעט אַ פויגל פליט.
ס'איז דאָס אינגל איצט שוין אַלט,
נאָר זיין האַרץ איז פול באַגערן,
ניט ער פליט, נאָר רק ער פאַלט,
ווייל ער קוקט נאָך אַלץ אַף שטערן.

עפּל־צוויט

איז אַ פֿויגעלע געפֿלויגן
פֿון ווירדזשיניאַ אַ טאָג
זיך אָפּגעשטעלט רוען אויף נאַכט
אין שפּאַלט פֿון אַ וואַנט
אין מערילאַנד
צו מאָרגענס באַגינען
האָט דער פֿויגל פֿון ווירדזשיניאַ
אַ פֿרילינג בשורה מיר געבראַכט
טוויט, טוויט, טוויט, טוויט,
אין ווירדזשיניאַ האָט שוין דער פֿרילינג צעבליט
און אַלע עפּל באַקליידעט אין צוויט.

צוויט דער עפּל,
צוויט דער בוים
עס איז אַ כּישוף,
פֿרילינגס טרוים.

שורהס בוימער, מײַלן ווײַט
גרינען, בליִען, טריט אויף טריט
אַלע בוימער אָפּגעשאַטן
שעמערירן פֿול מיט צוויט.

שימער, חלום, סוד און כּישוף,
פֿעלד און וואַלד האָט אויפֿגעבליט
אין ווירדזשיניאַ מיליאָנען
עפּל בוימער שיסן צוויט

פֿויגל, שמעטערלינג און בינען,
פֿלאַטערן אין גאַנץ ווירדזשיניאַ
קאָרן־בליטן, ווייצן־זאַנגען
שעפּטשן תּפֿילות און געזאַנגען.

הונדערט־און־ניין־און־דרייסיק

זינגט דער פויגל אין די בּלומען
ס׳איז דער פרילינג שוין געקומען
כאַפּט עס אויף די בּין אין אויער
און חלומט פון אן האָניג־מויער.

האָניג וואַנט, און האָניג דעכל
האניג אין אַ יעדן לעכל,
צווית פון ווייץ און פון פלאַקס
וועט חוץ האָניג זיין אויך וואַקס.

פון די בּלומען האָניק־זאַפּט
פון דעם פלאַקס וועט טריפן וואַקס
וואַקס וועט בּרענען העל ווי נאַפּט
ליכט וועט בּרענגען מוט און קראַפט.

שטייען בּוימער מיליאָנען
אויסגעפּוצט אין ווייסע פאָנען
עפּל־בּוימער טריט בּא טריט
אָפּגעשאָטן אין עפּל צווית.

און אף יעדן בּוים אַ פויגל
ווי אַ וועכטער שטייט און היט
היט די בּוימער אָנגעלאדן
יעדעם בּוימל פול מיט צווית.

בּוים בּאַבּלעטערט, גראָז צעגרינט
גאָטס א חלום אויסגעשפּינט
שטייען יום טוב׳דיק פאַרפּוצט
קאָקעטירן מיטן ווינט.

און דאָס ווינטל ווי פאַרכשופט
מילדער ווערט, און זאַנפט געטריי
רוימט אריין אַ סוד אין אויער
כ׳בין דער פרילינג ווינטל־מאַי

הונדערט־און־פערציק

מאַי דער וואלד
מאַי די לופט
מאַי דאָס גראָז
מאַי דער בוים
כשוף־רייץ
צווית־פּאַרפלייץ
מיינע ריחות
בשמים־דופט.

יעדעס טייכל איז אַ שפּיגל
יעדער צווייג אַ פייגל־וויגל
יעדעס ווינטל גלעט און קילט
יעדער פויגל קוועלט און טרילט.

פרילינג שאַלט
אַ וועלט צעפּראַלט
זינגען פויגל,
בינען זשומען
ס׳איז דער פרילינג
שוין געקומען.

אין די בערג פון קאלאראדא

אין די בערג פון קאָלאָראַדאָ
צווישן „פייה און מאָניטאָ,“
שוועבן וואונדער פון אַמאָל,
און לעגענדעס אָן אַ צאָל.

פון די צייטען פון יצירה,
אין די טעג פון וועלט׳ס באַשאַף,
ווען געשפילט זיך האָט דער בורא
מיט ערד און ליים, און חומר, שטאָף,
געפורעמט וועלטעלאַך, ווי פילקעס,
ערשט באַשאַפען, שוין צערונען,
חיות׳לאַך די גרוים ווי שפילקעס,
פון די נעפלען אויסגעשפונען.

איבער וויסטעניש און לער,
איבער צייט און איבער אָרט,
אינ׳ם חלום אויפ׳ן וואָר,
אומגעשוועבט עס האָט דאָס וואָרט.

אין די נעפלען האָבען דופטען,
זיך געמישט מיט פאַרב און קלאַנג,
ביז דערהערט זיך, האָט אין לופטען:
„קדוש, קדוש,“ אַ געזאַנג.

אַ געפליסטערעל פון פליגעל,
אַ געסוויטשערעל פון פויגעל,
פון מלאכים אַ געשאל,
פון אַ וועלטעל, אַ צעפראַל.

פאַר דער שעה פון יצירה,
אין קאָליר פון רעגענבויגען,
איז דער ערשטער קלאַנג פון שירה,
פון תהום אַרויסגעפלויגען.

און תהום האָט זיך צעשפּאָלטן,
גרונט און אָפּגרונט אָפּגעטיילט,
אין אַ וואַסערל געשטאַלטן,
פֿון אַ וועלט־געבורט דערצעהלט.

אָט איז נעפּעל,
אָט איז־קלאָהר,
ערשט אַ חלום,
איצט אַ וואר,
וועלט'ס אַ רגע,
טויזענד יאָהר,
פֿון תהום'ן,
טיעפֿע ים'ן
אַ שפּילכל פֿאַרטראַכט,
און עס רעגט זיך
שנעל, באַוועגט זיך,
עס באַווייזט זיך,
און אנטפּלעקט זיך,
דאָ פֿאַרהוילען,
דאָרט צעדעקט זיך.
דער צעטראַט
פֿון טאָג און נאַכט.

און געזעהן האָט דער בורא,
טאָג איז פֿרייד,
נאַכט איז מורא,
טאָג איז נאָהענט,
נאַכט איז ווייט,
און אַ שטים,
זיך האָט צעקלונגען :
אַ באַפֿעהל אַרויסגעזונגען
גאָט'ס געבאָט :
דאָס ערשטע וואָרט.

באַגינען,
אָנהויב פֿון בראשית,

טאָג, אַ שטראַל
פון גאָט׳ס שכינה.
כביכול׳ס אָנגעזיכט.

עס זאָל שטראַמען,
עס זאָל פליסן,
אויף דער וועלט אַרויס,
ווי אַ פרייד,
דאָס גרויסע ליכט,
איך בין גערן,
עס זאָל ווערן,
העל און ליכטיג,
פריידיג, ציכטיג,
טאָג איין, טאָג אויס,
עס זאָל בלייבן, לזכרון,
ווען אויף ערד איז טאָג געוואָרן,
ווען דאָס ליכט
פון גאָט׳ס געזיכט,
האָט פון נחת זיך צעקוועלט,
אין באַגינען פון בראשית,
אַ מתנה פאַר דער וועלט.

עס איז געווען
גאָט׳ס זאָג :
איז געוואָרן :
ערשטער טאָג.

ערב־צייט,
ערב־אָרט,
פאַר׳ן ערשטן
דאָ און דאָרט,
אַ מחשבה האָט פאַרטראַכט,
די געבורט פון טאָג און נאַכט.
דער ערשטער קלאַנג, גאָט׳ס אַ וואָרט.

מיט דעם ריטם פון חילות,
פון באַגינענס ערשטע קוואַלן,
פליסן, גיסן קאָלאָראַדאָ׳ס
זיבען ווייסע וואַסערפאַלן,

וואַסער זינגט, און פאַרקלינגט,
וואַסער קוועלט אויף דער וועלט,
אַ רמז פון יצירה,
יעדער פאַל, אַ צעשאַל,
יעדער הויב — וואַסער לויב,
אַ שבח און אַ שירה.

האָט גאָט׳ס אויג געזען,
איז אים וואויל און גוט געווען,
איז געווען זיין באַפעל:
טאָג זאָל בלייבן ליכטיג, העל.

פון באַגינענס טאָג צעפּראַלן,
האָט דאָס וואַסער אָנגעקוואָלן,
יעדער טראָפּן האָט געזונגען,
און די לופט מיט פרייד פאַרקלונגען,
און עס מישט זיך פאַרב און קלאַנג,
זונען-ליכט, ים-געזאַנג,
שוים-געלעכטער, ליכט-צעשטראַל,
ביז געבוירן און געוואָרן,
פון תהום ארויסגעפלויגן,
פאַרב-צעשפּיל, — אַ רעגנבויגן,
פון בראשית, אַ מחשבה,
אַ קאַפּריז פון גאָט, אַ שטראַל,
אַ באַשאַף, אַ פרייד פאַרגאַף:
ים-צעפּראַל, אַ וואַסערפאַל.

אינם גאָרטן פון די געטער

מיטן זונשפּראָץ פון באַגינען,
טריפט אַ טוי פון זיו השכינה,
פּערל־טוי אף אספּען בלעטער,
אינם גאָרטן פון די געטער.

נאַכט פאַרדעקט, טאָג צעדעקט,
מישט זיך שאָטן אוים מיט ליכט,
גאָלד, אַ רענדל, יעדעס בלעטל
טאַנצט און שיינט דיר אין געזיכט.

עס פאַרשווינט אף שטיל די נאַכט,
ווי פון חלום אויפגעוואַכט,
זי פאַרהאַלט זיך, און באַהאַלט זיך,
בא דעם מערב ברעג פון הימל.

און אַ טאָג פון טוי דערפרישטער,
ווי דערשראקן, אַ צעמישטער,
טאָג צעטאָגט זיך, אפן מזרח,
רעגט און וועקט א וועלט פון דרימל.

כאַפּט זיך אויף דער ערשטער פויגל,
שרעקט זיך באַלד אַ האָז אין פעלד,
הערט זיך גלייך אַ קול פון פליגל,
ס׳קומט אַ נחת אף דער וועלט.

ווערט אַ חיות און אַ פריידן,
אינם ערדישן גן עדן,
דאָ אַ ציטער, דאָרט א פלאטער.
אינם גאָרטן פון די געטער,

עס דערקוויקט זיך בוים און בלום
עס צעוויגט זיך גראָז אף שטום,
און עס שאָקלען זיך די זאנגען,
שטאַמען, צווייגן שטילע קלאַנגען.

הונדערט־און־זעקס־און־פערציק

— הללויה, טרילט אַ פויגל,
— גאָט איז מעכטיק, קרייען הענער,
— וועלט אין פרידן, וואורקען טויבן,
פינקלען שטערן,—גאָט איז איינער.

פון די הימלען די הילות,
די כוכבים ומזלות,
גאָטס באַפעלן, זיי פאַרשנעלן,
זיי פאַרגייען און צעפאַלען.

אינם טיפן ים פאַרטונקען,
אינם וועלט תהום פאַרזונקען,
זיי צעציען און צעפליען,
און זיי פרעגן ניט וואוהין.

און אין שורות וואָלקען ווייסע,
ציען, קניען איבער ערד,
יעדעם וואָלקענדעל אַ מלאך,
מיט א זילבער גלאטער שווערד.

אָנגעגורט מיט שווערדן שאַרפע,
אפן שפּיץ פון טורעם דאָרטען,
שפּילט אַ שומר אף זיין הארפע,
בא דעם טויער פונם גאָרטען.

און דער גאָרטען שטייט פאַרשטיינערט,
ווי אין כישוף איינגעשוואוירען,
פון דער צייט ווען ערשטער אָדם,
דעם גן עדן האָט פאַרלוירען.

ווען געווארפען האָט דער בורא,
אפן ערשטען קינד א מורא,
פאר דער זינד א שווערע שטראָף,
אנגעיאָגט אף אים אַ שלאָף.

הונדערט־און־זיבן־און־פערציק

ווען בּאַשטראפט עס האָט אים גאָט,
פֿאַר עובר זיין אַף זיין געבּאָט,
פֿאַר זיין עסען און געניסען,
פֿון גן עדנס בּוים פֿון וויסען.

די לעגענדע פֿון גן עדן,
ווי דערציילט אין חומש, דאָרטען,
לעבּט נאָך היינט אין קאָלאָראַדאָ,
בּא די געטער אינם גאָרטען.

קומסט אריין אין גאָרטען־טורעם,
פֿריש דאָס ליים, ווי ערשט צעקנאטען
א זכרון, ווען דער בּורא,
טויזנט וועלטען האָט פֿאַרשאטען.

און מלאכים, מענטשען־ריזען,
פֿלעגן רייטען פֿייער פֿערד,
ווייל פֿאַרצייטען אויך די געטער,
פֿלעגען אומגיין אַף דער ערד.

איז די ערד אין קאָלאָראַדאָ
גאָר אַ חידוש און אַ נס,
לעבּט אַ גאָרטען פֿון די געטער,
פֿון בּראשית אַ מעת לעת.

זאַמד און ליים, שטיין און שטאָל,
זיך געפֿורעמט און געמישט,
נאָר יעדעס מין ווי פֿארעקשנט,
איז געבּליבּען ניט צעמישט.

ליכט און שאָטען,
בּאַרג און טאָל,
טראָפּענס וואַסער,
ווי קרישטאָל,
ערד ווי הימעל, זוניק קלאָר,
האָט געשאפֿען קאָלאָראַדאָס,
וועלט׳ס אַ חלום אפֿן וואָר.

קאַפּריז

(דאָס שפּיל פון אינגל־מיידל)

מאלע וואָס,
מאלע ווען,
מאלע ווער
עס איז געווען.
ס׳האָט געטראָפן,
ס׳איז געשען,
ס׳איז פאַרלאָפן,
ניט געווען!
ערגעץ דאָ,
ערגעץ דאָרטן,
ביי אַ טייכל,
אין אַ גאָרטן,
אויף אַ באַרג,
צי אין אַ טאָל,
נעכטן, היינט,
אַמאָל, אַמאָל:
זי און ער...
שטיל באַגער
צו צעררייסן
אלע צאַמען!
איינס׳ן צוויי
און צוזאַמען
צו דערגרונטעווען
תהומען!
צו צעפּליסן
ווי די ימען
צו פאַרמערן
אלע שטאַמען,
צו צעפלאַמען
מיט די שטערן,
גאַרן גערן

צו פאַרצערן,
צו געבערן
און ניט ווערן
זיך געפעלן,
זיך צעשטראַלן,
זיך צעהעלן,
און צעפראַלן.
זי — אַ ליכטיקער
פרימאָרגן,
ער — אַ לויטערער
אָן זאָרגן;
זי — פאַרהוילן,
ער — פאַרבאָרגן.
זי — אַ נחתל,
זיין קרוין,
ער — איר אינגל,
אַ פאַרשוין!
זי — אַ חוה,
גאָטס באַשאַף,
ער — איר אדם,
אַ פאַרגאַף!
ביידע גאַרן
איין באַגער:
זיין און ווערן
מער און מער!
איבער וואָלקן,
אין די הימלען
ביידע ציען,
ביידע פליען;
אין תהומען,
טיפע ימען
ביידע זינקען
דורשטיק טרינקען
פון דעם לעבנס
פרישע קוואַלן,
אַ צעקוועל

פון וואַסערפאַלן,
וואָס געשען
איז געווען,
וואָס געווען —
אַ געוויין.
זי — אַ כישוף,
ער — אַ חלום,
רואיק, פריידיק
זים דער שלאָף;
ליבע ציטער,
גליק אַ רגע —
מיטן אָנהייב,
קומט דער סוף...
ערשט פאַרשיכורט
ביז בארוישונג —
אויסגעניכטערט
ביז אַנטוישונג;
ערשט פאַרדעקט
און איינגעהילט, —
שוין אנטפּלעקט
און אָפּגעקילט.
ערשט אַ צערטל
און אַ גלעט,—
אַ צעווערטל,
אַ געשפּעט,
אָט אַ לידל,
אַ געזאַנג, —
שוין אַ זידל,
טריב און באַנג;
נאָר אַ רגע
גליק אַ ברעקל,
אַ צערייצונג
פון געפיל;
איצט דערווידער,
שוין אַן עקל,
איבערדריסיק,
איז דאָס שפּיל

ס׳איז אַ חוזק,
אַ געלעכטער,
ווי עס לעבן
צוויי געשלעכטער
מאַן און ווייב
אין איין הויז
פּונקט אַזוי ווי
קאַץ און מויז.
זייער גליק
אַן אויגנבליק —
ערשט פּאָרוים,
שוין צוריק.
אונדזער ליבע,
ווי דאָס לעבן,
איז פון געטער אַ
קאַפּריז.
ס׳איז אַ הויב
און אַ דערנידער,
ס׳איז אַ לויב
און אַ דערווידער,
ס׳איז אַ זינגען
און אַ שאַלן,
ס׳איז אַ שטייגן
און אַ פאַלן.
איצטער ליב
שפּעטער טריב,
ס׳איז א ראָד,
אַ קאַראַהאָד.
ס׳איז דאָס לעבן
אַ צעפּלאָנטער,
ס׳איז די ליבע
אַ קאַפּריז.
ס׳איז אַ רייץ,
א רגע רעגונג,
אַ געמיש,
פון ביטער זיס.

הונדערט־און־צוויי־און־פופציק

טייבעלאָך

קיין קאַליפאָרניע בין איך געקומען פון נויאָרק. פּופּצן יאָר אָפּגעלעבט און זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו דער ענגשאַפט און טומל. כסדר געפילט זיך ווי אַף אַ יאַריד. בײַ מיין הויז איז ניט געווען קיין גרעזל, קיין בלימל, ווער רעדט שוין פון אַ גאָרטן.

פון דער נויאָרקער „איסט סייד" בין איך דאָס אַרונטער־געפאַלן קיין קאַליפאָרניע. דעם ערשטן מאָל אין אַמעריקע דער־פילט דעם טעם פון וואוינען אין אַ הויז פאַר זיך, און דאָס הויז, ווי כמעט אַלע הייזער אין קאַליפאָרניע, האָט פאַרמאָגט אַ הויף, און אַפן הויף אַ גאָרטן מיט אַלערליי גרינסן, אַ פּאָר פּאַרנבוימער, אַ ציטראָן בוימעלע און פאַר דער טיר צוויי הויכע פּאַלמען, פאַר־שפּיצט צום הימל. ווי איינער, וואָס פאַלט אַרונטער פון אַנאַנדער וועלט, אַזוי האָב איך זיך געפילט, קומענדיק פון נויאָרק קיין קאַליפאָרניע.

איך האָב זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אַף דעם אייביקן לויטערן הימל, אַף די רויזנקוסטן אַרום די פענצטער, וואָס בליען סיי זומער סיי ווינטער. דער ריח פון דעם ציטרין בוימעלע, האָט מיך ווי פאַרשיכורט, און דאָס קליינע פייגנבוימעלע, וועלכעס מען האָט ערשט היינטיקס יאָר איינגעזעצט, האָט זיך שוין צענומען, און עס שפּרייט זיך שוין אויס אין דער ברייט, און דו זעסט ווי עס גדלות'ט זיך, עס פילט, אַז עס איז פעסט איינגעזעצט און וועט זיך באַלד צעבליען.

פאַרנאַכט. פון די פּוסבערג טראָגט זיך אַ קיל ווינטל, וואָס פרישט אָפּ די לופט. מענטשן קומען אַרויס מיט די לאַנגע גומענע וואַסער קישקעס, און באַשפּריצן דעם „לאָן", וואַשן אין איינוועגס אויך אָפּ די שטוב אַרום הויז. דערנאָך באַגיסט מען אויך דעם גאָרטן, די פרוכט בוימער. יעדער איינער איז בײַ זיך אינדערהיים. ווערט צוגעבונדן און איז אַ טייל פון דעם שטיבל, פון דעם גאָרטן. אַ וואַרעם געפיל נעמט דיך דורך בײַ דעם אָנבליק פון דעם בילד, און אין האַרץ בײַ דיר זינגט עס:

— קאַליפאָרניע, ווי שיין דאָ איז!

יעדן טאָג שיינט די זון פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט. אַ לויטערער דער הימל, ריין אָן אַ וואָלקן־פלעק, ווערט נאַכט.

הונדערט־און־דריי־און־פופציק

שפריײטן זיך אויס גאלדענע פאסן אף דעם האריזאנט אין מערב און ווען די זון האלט באם פארגיין, גיסט זיך דאס גאלד איבער אין פורפור, און אין בלאסער בלויקייט. שטיל איז ארום, פויגל שניידן דורך די לופט, וואס ווערט אלץ קילער און שמעקנדיקער. א גאלדענער טאג איז פארגאנגען און א נאכט א ווייסע, האט זיך אויסגעשפרייט, א קאליפארניער נאכט.

א טיף־בלויער הימל, און איבער דעם הימל צעשאטן איינער איבער דעם אנדערן שטערן, גרויסע, פינקלדיקע, און אלע שטערן זענען דיר אזוי נאענט, כמעט איבער דיין קאפ, כאטש שטרעק אויס די האנט און דערגרייך זיי. פון מזרח גייט אויף א לבנה. און די צוויי פאלמען בא דיין טיר ווערן מיט זילבער באגאסן, זיצסטו אף דיין שוועל, און ווייסט ניט וואס פריער צו באוואונדערן, דאס זילבער אף די פאלמען, די פינקלדיקע שטערן איבער דיין קאפ, דאס בלויקייט פון דעם הימל, **אדער די ווייסע נאכט,** וואס גיסט זיך דיר אין הארצן אריין, כשופט, און ציט פון דיר ארויס די מידקייט, פרישט אויף אין דיר אזוי פיל קינדערשע חלומות און דו פארגעסט ווי אלט דו ביסט.

אפגערוט נאך דער ארבעט, הויבט זיך ערשט אן א ניי לעבן. די פוסבערג זענען ניט ווייט, און דו מאכסט א שפאציר אף די בערג. אף אלע ביימער נעסטלען זיך זינגפויגל, און אנטקעגן דער שיין פון דער לבנה, זיצן די פויגל, זיי שלאפן ניט, נאר זינגען אן אוונט געבעט. דו גייסט אין די בערג, דיין גאנג דערשרעקט ניט די פויגל, דו גייסט און דאס זינגען גיסט זיך אין דער לופט, מישט זיך אויס מיט דעם ריח פון מאראנצן. די גאלדענע מאראנצן אנטקעגן דעם זילבערנעם לבנה־גלאנץ, אפגעפרישט פון דעם אוונט־טוי, ווינקען צו דיר, ווי פארכישופטע קליינע קעפעלעך, פון לעבעדיקע וואלד־חיה׳לעך, עס איז גוט, עס ווילט זיך ניט אהיימגיין. בלייבסטו זיצן אין די פוסבערג, און פון די בערג זעסטו שוין ניט קיין שטערן אף דעם הימל, נאר איבער דעם צוקאפנס פון די בערג זענען איצט די שטערן צעשאטן, פינקלען דיר אין פנים אריין, אט־אט און זיי וועלן זיך ארונטערקייקלען פון דעם בארג.

און אז דו כאפסט איצט א בליק אף דער שטאט אונטער דיר, דערזעסטו אז די שטאט איז איינגעטונקען אין א ים פון ליכט. ווי אן אויסגעשטערנטער הימל אף דער ערד. ביסטו צווישן

צוויי הימלען: אַ הימל איבער דיין קאָפּ, און פּונקט אַזאַ הימל ליגט דיר צופוסנס, דו ווייסט ניט וועלכן הימל פריער צו באַוואונדערן. דיין ברוסט אָטעמט פריי, דער אַראָמאַט פון די לימענעס און מאַראַנצן רייצט און פאַרשיכורט, און אין דעם געזאַנג פון די זינגפויגל גיסט זיך אויך אַריין דיין שטים, פילסט ניט, אַז פון האַרצן האָט זיך אַרויסגעריסן אַ ליד —

— ק־אַ־ל־י־פ־אָ־ר־נ־י־ע!

נאָך איידער דער סאָלאָוויי האָט פאַרענדיקט זיין אָוונטגעבעט, ביסטו שוין צוריק אין דער היים. שטיל איז אין גאַס. רואיק שלאָפט זיך אין דער שטילקייט, באַ אָפענע פענצטער, און ווען דער ערשטער שפּראָץ אַף טאָג רייסט זיך אַריין דורך דעם אָפענעם פענצטער האָט זיך שוין די גאַנצע פויגל־וועלט אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און אין דיין שלאָף, אַפן געלעגער הערסטו ווי פריער האָט דער שפּערבער פאַרצויגן זיין איינטאָניק ליד; ווי אַ דינער ציטער פון אַ פידל־סטרונע האָט ער אַ טאָן אַראָפּגעגאָסן. און דעם אייגענעם טאָן זינגט ער איבער נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, ביז אַלע שפּערבער כאַפּן אויף דעם טאָן, גיסן זיך צונויף מיט אים אין אַן איינטאָניק ליד, ציען דעם אייגענעם ציטערדיקן טאָן, איינער פריער, איינער שפּעטער, איינער הערט אויף, דער צווייטער כאַפּט אונטער, און אַזוי גיסט זיך אַ סימפאָניע פון איינטאָניקע קלאַנגען, וואָס האָבן פאַר דיר איין באַדייטונג:

— קאַליפאָרניע... קאַליפאָרניע... קאַליפאָרניע...

דערנאָך מישן זיך אוים אַלערליי קולות, העגער כאַפּן זיך אויף ווי אָפּגעבריטע, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיי די פליגלען אונטערגעשאָסן. עס ווערט אַ געקריי, איינער וויל איבערשטייגן דעם צווייטן, און איידער די העגער האָבן זיך איינגעשטילט, דערהערט זיך שוין אַ וואורקעריי פון טייבעלעך! פאַרטאָג קלינגט מיר תמיד דאָס וואורקען פון טייבעלעך, ווי אַ קינדערשער געלעכטער, און אין דער ערשטער נאַכט אין קאַליפאָרניע, ווען איך האָב פאַרטאָג דאָס טויבן־געלעכטער דערהערט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיינע קינדער־יאָרן, אין די טייבעלעך באַ אונז אין שטוב, און האָב פאַרטראַכט וועגן מאַכן אַ טויבנשלאַק אין קאַליפאָרניע.

אינדערפרי, אַז איך בין אַרוים אין גאַס, האָבן פאַר מיין טיר אַרומגעשפּאַצירט אַ סטאַיע טייבעלעך, געקליבן פון דער ערד.

הונדערט־און־פינף־און־פופציק

וואָס עס האָט זיך געמאַכט, ברעקלעך ברויט, וואָס קינדער, גייענדיק אין שול האָבן זיי צוגעוואָרפן. איך האָב גלייך געזען, אַז די טייבעלעך פילן זיך דאָ היימיש, און מיין געדאַנק וועגן אַ טויבנשלאַק האָט זיך נאָך מער באַפעסטיקט.

דעם אייגענעם טאָג האָט מיר גאָט צוגעשיקט, וואָס איך האָב געזוכט: פאָרנדיק אין טראַמוויי, האָב איך באַמערקט אַן אויפ־שריפט אַף אַ געשעפט: „אַלערליי פויגל צו פאַרקויפן". איך בין אַרונטער, פאַרגעסן אַז געפאָרן בין איך גאָר וועגן געשעפט, און אַריינקומענדיק אין דעם פויגל־געשעפט, דערזעענדיק טייבעלעך, בין איך דאָרטן אַזוי לאַנג געשטאַנען און באַטראַכט די פאַר־שיידענע סאָרטן, ביז איך האָב ענדלעך איינגעהאַנדלט צוויי פּאָר ווייסע טויבן.

קומענדיק אַהיים, האָב איך פאַר די טויבן באַלד אויסגעבויט אַ שטיבל אַפן הויף, זיי געגעבן עסן, און זיך אַוועקגעשטעלט קוקן אַף זיי. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז זינט איך האָב אַמאָל געהאָדעוועט טייבעלעך, בין איך עלטער געוואָרן מיט דרייסיק יאָר.

דאָס ווייב האָט געלאַכט פון מיר:

— דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ ליידיקגייער... ווי נעמט עס אַ גרויסער מענטש, אַ טאַטע פון קינדער און שפּילט זיך מיט טייבעלעך! וואָס ביסטו אַ חדר־אינגל?"

דערפאַר, אָבער, האָבן מיינע קינדער זיך שטאַרק דערפרייט, ווען זיי זענען אַהיימגעקומען פון דער שול, געטראָפן אַ שטיבעלע. און אין שטיבעלע, צוויי פּאָר ווייסע טייבעלעך. דאָס וואָס די קינדער האָבן זיך אַזוי דערפרייט, האָט מיך אַזוי מחיה געווען, ווייל קיין תירוץ, פאַרוואָס מיר האָט זיך פּלוצלינג פאַרגלוסט צו האָדעווען טויבן, האָב איך ניט געהאַט, נאָר ווען די קינדער האָבן זיך אויך אָנגעהויבן באַשעפטיקן אַרום די טייבעלעך, האָט שוין מיין ווייב אַליין אויך אָנגעהויבן מסכים זיין, אַז עס איז גאָר ניט אַזאַ קרומע זאַך.

צו די ערשטע צוויי פּאָר טויבן, האָב איך געהאַט מזל; אַף מאָרגן אינדערפרי, איז שוין געווען אַן אייעלע אין דער נעסט, און די אייגענע שמחה, וועלכע עס האָט זיך מיר איינגעקריצט פון מיינע קינדער־יאָרן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן באַ אונז אין דער היים, — די אייגענע גדולה, האָב איך איצט געזען באַ זיך אין

הויז. פריער איז דאָס ווייב געלאָפן אַ קוק טאָן אַף דעם פריש־געלייגטן אייעלע, פאַרזאָגט די קינדער, מען זאָל זיך ניט דערוועגן אָנצורירן, ווייל די טויבן וועלן ניט זיצן מער אַף די אייעלעך. דערנאָך איז יעדעס קינד באַזונדער געגאַנגען אַ קוק טאָן, און מען האָט געפירט קינדער פון גאַס, זיי געוויזן די נעסטן, און יעדערן איבערדערציילט, אַז ערשט נעכטן האָט דער טאַטע געקויפט די טויבן, און היינט האָבן זיי זיך שוין געלייגט!

געפילט האָב איך, אַז איך בין אינגער געוואָרן, מיט דרייסיק יאָר. איך האָב אָנגעהויבן זען מיין גאַנצע קינדהייט. דער טאַטע, וועלכער איז שוין מער ווי צוואַנציק יאָר טויט, האָט מיר אָפּט זיך אָנגעהויבן פאָרצושטעלן, ווי ער וואָלט מיר געשטאַנען פאַר די אויגן, אַ לעבעדיקער, איך האָב פאַרגעסן, אַז איך בין שוין אַליין אַ טאַטע...

אַזוי גיך, ווי איך האָב דערהערט אין הויף, אַז די טייבעלעך האָבן שוין אָנגעהויבן צו וואורקען, האָט עס מיך אַ טראָג געטאָן פון געלעגער, צו די טויבן.

ביז עס איז ריכטיק ליכטיק געוואָרן, האָב איך שוין געגעבן מיינע טייבעלעך וואַסער און עסן, געמאַכט ריין אַרום דעם טויבנשלאַק, אָנגעריסן פרישע גראָז, וואָס טויבן האָבן זייער נויטיק סיי צום עסן, סיי פאַר די נעסטן; דערנאָך האָב איך געהאַט אמת'ן פאַרגעניגן זיך אַוועקצוזעצן אַנטקעגן דעם טויבנשלאַק, זיצן און קוקן אַף די טייבעלעך. די קינדער זענען דערווייל אויפגעשטאַנען, פאַרטיק געוואָרן צו גיין אין שול, און ווען מען וואָלט מיך ניט אַוועקגעריסן עסן איבערבייסן, וואָלט איך אַלץ געזעסן לעבן די טייבעלעך.

„עס ווערט דיר גאָרניט נמאס, אַזוי צו זיצן מיט די טייבעלעך?" פרעגט מיך די ווייב, און לאַכט פון מיר, און איך דערמאָן זיך, אַז אויך מיין מאַמע פלעגט לאַכן פון טאַטן, ווען ער פלעגט זיך פאַרקוקן אַף די טייבעלעך, בײַ אונז אַפן בוידעם.

— נאַרישער איד, ביסט דאָך שוין אַ טאַטע, דאָס פּאַסט פאַר וויים־איך־וועמען, ניט פאַר דיר...

נאָר פונדעסטוועגן, אַז איך זע ניט, גייט זי אַליין אויך צו צו דעם טויבנשלאַק. רייץ איך זיך מיט איר:

„פון מיר לאַכסטו, און אַליין שטייסטו און קלייבסט נחת, פון די טייבעלעך!"

הונדערט־און־זיבן־און־פופציק

„איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס, נאָר עפּעס ציט צו דעם טויבנשלאַק. מענטשן זאָלן זען, וויפיל צייט מען גיט אַוועק, וואָלטן זיי אונז אָנגעקוקט, ווי משוגעים...״ פאַרענטפערט זי זיך, און נעמט ניט אַרונטער די אויגן פון דעם פּאָרל שניי־ווייסע טײַבעלעך, וועלכע שטייען, און קושן זיך נאָכאַנאַנד, און עס ווערט זיי גאָר ניט נמאס.

„איך טראַכט צו קויפן היינט נאָך עטלעכע פּאָר טויבן — זאָג איך איר — צעשמייכלט זי זיך, און קוקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געווען ניט איר מאַן, נאָר אַ קינד.

„אַז לעבן צוויי פּאָר טויבן, קענסטו אָפּזיצן אַזוי לאַנג, עס זאָל דיר ניט נמאס ווערן — ענטפערט זי, און צעלאַכט זיך — היינט, וואָס־זשע וועט שוין זיין, אַז דו וועסט האָבן עטלעכע פּאָר?״

„עס איז די זעלבע אַרבעט, זאָלן זיך האָדעווען נאָך עטלעכע טויבן״, ענטפער איך איר, ביז איך כאַפּ זיך, אַז די קינדער וועלן שוין באַלד קומען פון שול, און איך שטיי נאָך אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו איך בין געשטאַנען, איידער זיי זענען אַוועק אין שול.

איידער עס איז נאַכט געוואָרן האָב איך אין הויף צוגעבויט נאָך אַ פּאָר שטיבלעך, און ווען די קינדער זענען אַהיים געקומען האָבן אין הויף שוין געוואָרקעט ניט קיין צוויי פּאָר טויבן, נאָר זעקס. די קינדער האָבן זיך געפרייט, און איך אַליין, אפשר מער פון זיי. די נייע טויבן האָבן זיך געפילט פרעמד, די פון פריער איינגעזעסענע אין דער נעסט, האָבן זיי ניט געוואָלט פאַר קיין שכנים, האָט זיך פאַרפירט אַ קריג, אַ געפעכט, אַ פּאַטשערײַ מיט די פליגל, און אַ בייסערײַ. העלפן האָב איך ניט געקענט, אָבער געשטאַנען בין איך, ביז עס איז פינצטער געוואָרן, און ערשט דאַן איז שטיל געוואָרן.

אין אַ שטיקל צייט אַרום איז גאָר געוואָרן פרייליך; די טויבן האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אייעלעך, און אַז אַ טויב האָט געלייגט אייעלעך, איז געווען יום־טוב אין הויז, בײַ מיר, און בײַ די קינדער, איך האָב געהאַלטן אין פירן חשבונות:

מיט צוויי וואָכן צוריק, האָט זיך די ווייסע געלייגט, וועלן אירע טייבעלעך אַרויס אין פיר טעג אַרום, און די בלויע זיצן שוין אויך צען טעג, איז אין אַכט טעג אַרום, וועלן צוקומען צוויי פּאָר טויבן, און נעכטן האָבן זיך צוויי פּאָר רויטע טויבן געלייגט.

און אַלע טראָגן שטרוי אין די נעסטן. אַזוי האָב איך געהאַט אַ עסק, געבן עסן די טויבן, קוקן אַף די טויבן, גיין אַרום די טויבן, און פירן דעם חשבון: ווען די טייבעלעך דאַרפן אַרויס פון די אייעלעך. אַפּנים, אַז די באַקאַנטע האָבן אַ היבש ביסל חוזק געמאַכט פון מיר, ווייל וואוהין איך בין ניט געקומען, האָט מען מיך תיכּף אַ פרעג געטאָן: וואָס־זשע מאַכן אייערע טייבעלעך? וויפיל פאָר האָט איר שוין? ווען קויפט איר צו נאָך עטלעכע פאָר טייבעלעך? און אַז איך האָב זיך אויפגעהויבן אַהיימצוגיין, איז כסדר געפאַלן אַ באַמערקונג אַף מיין חשבון:

„האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיינע טייבעלעך!"

„ער איילט זיך, די טייבעלעך זענען נעבעך אַליין."

אין אַ שטיקל צייט אַרום, האָב איך מיר געקויפט געהילץ, און אַוועקגעשטעלט אַ גרויסן טויבנשלאַק און איך האָב געפילט אַז איך לעב אין אַן אייגענער קעניגרייך. איין פרימאָרגן, האָדעוועדיק די טויבן, האָב איך איבערגעציילט אין הויף איבער הונדערט פאָר טויבן. אַלע זענען שוין געווען היימיש, און ווען איך פלעג זיך נאָר באַווייזן אַפן הויף, האָבן די טויבן גענומען פלאַטערן אַרום מיר, ווייסנדיק, אַז איך גיי זיי האָדעווען. זענען געפלויגן צו מיר, געגעסן באַ מיר פון די הענט, זיך מיר געשטעלט אַף די אַקסלען, און אַפן האַרצן. אין אַזעלכע פרימאָרגנס האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אַ חוץ טויבן איז פאַראַן נאָך עפּעס אַף דער וועלט. אין גאַס, זענען מיר די טויבן נאָכגעגאַנגען, געפלויגן איבער מיין קאָפּ, באַקאַנטע האָבן געקוקט אַף מיר און זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן: „גאָט האָט אים צוגעשיקט טייבעלעך. ליגט איבער אין טויבנשלאַק טאָג אַזוי ווי נאַכט."

דער זומער איז פאַרפלויגן און עס איז געקומען דער רעגנסעזאָן. באַנאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ שלאַגסרעגן, איינער פון יענע קאַליפאָרניער רעגנס, וואָס הויבט אָן גיין אַף קאַטאָוועס. נאָר, ווערט וואָס אַמאָל אַלץ שטאַרקער און גרעסער. ליגסט אַפן געלעגער, דער רעגן קלאַפּט איבער די בוימער, איבער די פענצטער. קלאַפּט ביז דו דערפילסט, אַז עס גיסט שוין עמערווייז, עס מבול'ט, און עס ווערט דיר קאַלט, נאַס אין אַלע עברים, כאָטש דו ביסט אין הויז, און דו טראַכסט: דער רעגן וועט שוין קיינמאָל ניט אויפהערן.

אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן, האָב איך אין טויבנשלאַק געטראָפן

א חורבן: דער טויבנשלאָק איז געווען איבערפּלייצט מיט וואַסער. יונגע טייבעלעך, וועלכע האָבן נאָך ניט געקענט פליען, זענען דער־טרונקען געוואָרן. עלטערע טויבן זענען געשטאַנען לעבן זייערע קינדער, האָבן זיך געבלאָזן, און אַז טויבן בלאָזן זיך, האָב איך שוין געוואוסט, אַז זיי זענען קראַנק. יענע טויבן, וואָס זענען געזעסן אויף אייער, האָבן פאַרלאָזט די נעסטן, ווייל די אייער זענען פאַרנעצט געוואָרן. עס האָט מיך פאַרקלעמט באַם האַרצן, איך האָב ניט געקענט צוזען דאָס בילד, ווי טאַטע־מאַמע טויבן, מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ, זענען דערשלאָגענע געשטאַנען, איבער זייערע טייבעלעך. שטיל איז געווען אין טויבנשלאָק, ווי אויף א בית־עולם, קיין איין טויב האָט ניט א וואורקע געטאָן, אַלע זענען געווען געטראָפן פון רעגנשטורם.

אַז די קינדער זענען אויפגעשטאַנען, און האָבן דערזען דאָס בילד, האָט זיך באַ זיי געשטעלט טרערן אין די אויגן. דער רעגן האָט אַלץ געהאַלטן אין איין גיסן, עס האָט ניט געהאָלפן, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו פאַרדעקן די נעסטן, די טויבן זענען קראַנק געוואָרן, און ווען דער רעגן האָט אויפגעהערט, זענען מער ווי עטלעכע קראַנקע פאַר טויבן ניט פאַרבליבן.

— די טויבן וועלן מיך אויך קראַנק מאַכן — האָט מיין ווייב ניט אויפגעהערט צו טענה'ן — זאָל מען זיי שוין בעסער פאַר־קויפן, און א סוף זאָל דאָס נעמען!

ווידער האָב איך זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט די טויבן באַ אונז אין דער היים, — פונקט אַזוי האָט די מאַמע מיינע גע'טענה'ט. איך האָב געזען, אַז איצט, ווען דער ווינטער קומט אָן, מיט די קאַליפאָרניער רעגנס, וועלן מיר די טויבן מער ווי האַרצווייטיק ניט ברענגען. איך האָב זיך אָבער אַזוי גיך נאָך ניט אונטערגעגעבן, פּרובירט אַלערליי מיטלען; מאַכן א דאַך, פאַר־הענגען מיט זעק, אָבער נאָך יעדן רעגן, איז געווען א פרישער חורבן אין טויבנשלאָק. קיין נחת האָב איך שוין פון די טייבעלעך ניט דערלעבט; איינציקוויז האָט זיי דער רעגן יענעם ווינטער דערטרונקען, ביז עס איז געבליבן שטיין באַ מיר אין הויף א ליידיקער טויבנשלאָק, און ווען איך בין אַרויסגעקומען אין הויף, א קוק געגעבן אין דעם ווינקל, וואו די טויבן האָבן געהאַט די נעסטן, פלעגט זיך מיר אַפּרייסן אין האַרצן.

———————————————

„מיינע טויבן, מיינע טייבעלעך!"

הונדערט־און־זעכציק